STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03205

FARN MABUL

Jose Winiecki

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. וויניעצקי

פאַרן מבול

בילדער פון יידישן לעבן אין פוילן
פון פאַר דעם חורבן

ארויסגעגעבן דורך דעם צבי קעסעל־פאַרלאַג ביי דער קולטור־קאָמיסיע
פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט אין מעקסיקע
בוך נומער 4
1951

JOSE WINIECKI

ANTES DEL DILUVIO

Bosquejos de la vida Judía en Polonia antes de la Catástrofe

Publicado por la Editora, "Tzvi Kessel" del
Comité Central Israelita de México
1951
LIBRO NUM. 4

אינהאַלט־פאַרצייכעניש

אַריינפיר	זייט	7
טאַטע און זון	"	11
אַ כוח פון אַ קאַפּעלוש	"	15
אָפּגעזוונגען אַ לעבן	"	23
ר׳ב לייזער בריל	"	29
פאַרן אייזערנעם טויער	"	33
ג ב א י ם	"	39
דינא דמל כותא	"	45
דער ניגון פון די הקפות	"	51
זעליק שולמאַן	"	57
דרי מעלה און דרי מטה	"	61
ליכטיקע אויגן	"	69
משיח איז געבוירן געוואָרן	"	73
שמשון הגבור	"	77
אין קראַשינסקיס גאָרטן	"	79
טאַטע, טאַטע !	"	83
אַ נ ט אָ נ י	"	87
עס האָט אים געפּייניקט	"	91
לייבעלע טענצער	"	95
מענדל קאַברינער	"	99
אָפּגעשטעלט דעם זייגער	"	103
אַ סילוועסטער־נאַכט	"	107
פויליש גאָלד	"	111
דודל חריף	"	113
ר ח ל ע	"	123
דער פילאָזאָף	"	135
דריי דורות	"	139
אַ מענטש — אַ מלאך	"	145
ווייסע אַקאַציעס	"	151

א ר ײ נ פ י ר

וואָס גרעסער ס'וועט די צײַט־דיסטאַנץ צווישן אונדז, מזרח־אייראָפּעישע ייִדן, און דעם פאַרשניטענעם ייִדישן ישוב פון פּוילן, אַלץ שטאַרקער וועט די טענדענץ מצד ייִדישע שרײַבער און קולטור־טוער צו פאַרפיקסירן וואָס מער פון דעם לעבן און שטרעבן פון דעם אומגעקומענעם פּוילישן ייִדנטום. אָט די טענדענץ קריגט איר אויסדרוק אין דער פאָרם פון קינסטלערישער און מעמואַרן־ליטעראַטור, ווי אויך פון די „פּנקסים", וואָס ווערן אַרויסגעגעבן לזכרון פון גרעסערע און קלענערע, איצט שוין פאַרשווּנדענע ישובים, וואָס האָבן ערשט דאָ נישט לאַנג צוריק, „פאַרן מבול", געבליט אויף דער פּוילישער ערד.

ווי א רעאַליזירונג פון אָט דעם פאַרלאַנג, אויף זײַן אייגענעם אופן און לויט זײַנע אייגענע קינסטלערישע מעגלעכקייטן, מצד א ייִדישן שרײַבער אין מעקסיקע וואָס ער אַלײן קומט פון דאָרט, און איז מיט טויזנטער פעדים גײַסטיק צוגעבונדן צו דעם אָט דאָ ערשט נישט לאַנגיקן און דאָך שוין אַזוי ווײַטן ייִדישן עבר אין פּוילן, — דאַרף באַטראַכט ווערן יוסף ווינעצקיס „פאַרן מבול".

אין די פאָלגנדיקע עטלעכע און צוואַנציק בילדער און סקיצן, כאָטש זייער טעמאַטיק איז א פאַרשידנאַרטיקע, איז אָבער דאָ אײנהייט אין א געוויסן זין: אײנהייט פון דער אַטמאָספער. זיי זענען געלונגענע בילדער און סקיצן נישט בלויז דערפאַר, וואָס דער אָרט פון דער האַנדלונג ווערט געטרײַ איבערגעגעבן, נאָר נאָך מער דערפאַר, וואָס ווער ס'איז נאָר באַקאַנט מיט דעם „פאַרן מבולדיקן" פּוילן, דורך פערזענלעכער דערפאַרונג אָדער דורך דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, וועט אין אָט דעם ביכל דערקענען די אויטענטישע פּויליש־ייִדישקייט פון די מענטשן, וואָס באַוועגן זיך צווישן זײַנע טאָוולען.

דער לייענער וועט זיך אויך באַגעגענען מיט פאַרשידענע שטימונגען, וואָס האָבן געהערשט אין פּוילישן ייִדנטום צווישן ביידע וועלט־מלחמות, און פון וועלכע די פון בארג אַראָפּ, פון איין זייט, און פון אָפּטימיזם דורך עליה, פון דער צווייטער, זענען געווען דער קלימאַקס.

וואָס עס גיט ווינעצקיס בילדער ליטעראַרישן ווערט, איז דער גע־לונגענער בוי פון די סיטואַציעס און די מיט אויפריכטיקייט אָטמענדיקע באַשרייבונג פון די כאַראַקטערן. ווי אַ ביישפּיל קען דינען די דערציילונג „טאַטע און זון", אין וועלכער דער קאָנפליקט צווישן דעם שמש פון אַ גראָדזשיסקער חסידים־שטיבל און זיין זון, אַ סטודענט פון וואַרשעווער או־ניווערזיטעט, איז ריכטיק אויסגעשטעלט געוואָרן, און זיין לייזונג איז ליטעראַריש־קינסטלעריש געלונגען.

פונקט אַזוי איז געלונגען די שילדערונג פון דעם „טשודאַק" זעליק שולמאַן, וועמענס אייגנאַרטיקער וועלט־באַנעם סידעלויבט איש נישט צו האַנדלען, ווי סיהאָלטן געהאַנדלט דורכשניטלעכע נישט־אידעאַליסטישע מענטשן אויף זיין פּלאַץ און אין זיין לאַגע.

נישט ווייניקער ווערטפול איז פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט יואל דער לאַטוטניק אין „אָפּגעזונגען אַ לעבן", אָדער מענדל קאָברינער, דער גע־זעלשאַפטלעך־פילאַנטראָפּיש געזינטער גביר פון דעם אַלטן, פאַרעלטערטן שתדלן־טיפּ.

אָדער גאָר רב לייזער בריל, עפּעס אַ צווישנפּונקט צווישן אַ שאַיע פּריוועס, פון דער וואַרשעווער גבירישער פּריוועס־דינאַסטיע, און אַ רב שלמה נגיד. ער לעבט אין ווינעצקיס דערציילונג ווי אַ מענטש פון פלייש און בלוט.

אָבער נישט נאָר מענטשן אויך פלעצער קריגן אין זיינע שילדערונגען צוריק זייער אויטענטישע אַטמאָספער. וואַרשע אין הערבסט געלינגט ווי־ניעצקין גאָר באַזונדערס, און ער אַנטוישט אויך נישט ווען ער נעמט אונדז מיט אויף „דזשיקע" גאַס, צי אין „קראַשינסקיס" גאָרטן, צי גאָר צום „אייזערנעם טויער".

געלונגען זענען אויך די באַשרייבונגען פון יענע פּאַליאַקן אין די ייִדישע קוואַרטאַלן, וואָס פלעגן קומען אין טאָג־טעגלעכער באַרירונג מיט ייִדן. „אַנטאָני", דער סטרוזש און שבת־גוי, איז פיין אויפגעכאַפּט.

„פאַרן מבול", איז אין די ראַמען פון דער ליטעראַרישער סקיצע, אַ פּיַינער
סערן פאַרנעם, איז אין די ראַמען פון דער ליטעראַרישער סקיצע, אַ פּיַינער
בייטראָג צו דער קינסטלערישער פאַרפיקסירונג פון דעם יידישן לעבן אין
פּוילן פון פאַר דעם חורבן.

סאַלאָמאָן קאַהאַן

טאַטע און זון

דאַסמאָל איז מען געזעסן אין פּאַציאַטקע איינגעהילט אין א וואָלקן פון אומעט.

אזוי שטיל איז מען געווען, אז מען האָט געקענט הערן איינער דעם אנדערנס אָטעם.

עס איז געגאַנגען וועגן לעבן פון א מענטשן און דער מענטש איז געווען נישט קיין אנדערער ווי ברעגמאַן אליין.

ליגט אין בעט, נישט קיין מענטש, נאָר א סקעלעט פון א מענטשן; ביינער מיט א דין בלייך הייטל פאַרצויגן און אויגן, צוויי טיפע לעכער אין א שיין פון ליכט; ליפּן פאַרטריקנטע, בלויע, צאַפּלען זיך ווילן עפּעס זאָגן; נישטאָ קיין לשון...

דער פאָלקס-רעדנער דער שטורעמדיקער גייסט איז פאַרשטומט געוואָרן; אָן לשון...

זיצן ארום בעט געטרייע חברים, פאַרשן דעם קראַנקן מיט שטומע בליקן און ווייסן נישט וואָס צו טאָן:

— רופן דעם טאַטן?

— דעפּעשירן?

— נישט רופן?...

— אויגן-לעכער זאָגן גאָרנישט.

— בלויע ליפּן צאַפּלדיקע באַהאַלטן דעם סוד. און אפשר, ווען ברעגמאַן וואָלט געקאָנט רעדן, וואָלט ער אויך נישט געקאָנט ענטפערן. שוין פינף יאָר דעם טאַטן נישט געזען. קיין ענטפער אויף קיין בריוו נישט באַקומען.

דער טאַטע האָלט אים פאַר אַן אפּיקורס! ער קען דעם טאַטן פאַרשטיין.

א פרומער ייד, א חסיד, א מקובל, א שמש אין א חסידים-שטיבל ווי

פאַסט עס פאַר זיין זון צו זיצן אין וואַרשע, לערנען מעדיצין, חברן זיך מיט אפיקורסים־סאָציאַליסטן?

פאַסט טאַקע נישט...

פאַרוואָס אָבער זאָל דער טאַטע אים נישט קענען פאַרשטיין?

וואָס וואָלט פון אים געוואָרן, ווען ער בלייבט מיטן טאַטן אין גראָדזיסק? — אַ שמש, צי אַ באַהעלפער ביי אַ מלמד און מיט דער צייט אפשר אַ מלמד? — יאָ, אמת, דער טאַטע האָט געוואָלט אַז דער זון זאָל ווערן אַ רב... ער האָט דאָס נישט איינמאָל איבערגערעדט פאַר דער מאַמען.

און פאַרוואָס איז דער טאַטע נישט קיין רב?

ער קען דען לערנען ווייניקער פאַרן רבין?

מען זאָגט אַז ער קען מער...

און ער האָט סמיכה...

און אַז מ'איז שוין אַ רב: — נישט בעסער, נישט וויכטיקער, נישט ניצלעכער — אַ דאָקטער?...

פאַרוואָס וויל דאָס דער טאַטע נישט פאַרשטיין?...

דערווייל דערמאָנט זיך דער סטודענט ברעגמאַן, וואָס איז שוין געשטאַנען אויפן שוועל אָטאָט צו ווערן אַ דאָקטאָר־מעדיצין, אַז ער אַליין איז אַ געפערלעכער קראַנקער און איצט ערשט זעט ער איין, ווי נישטיק ס'איז די מעדיצין...

מיט אַמאָל איז אים אַ מאָדנער געדאַנק געקומען אין קאָפּ.

אייגנטלעך איז דאָך דאָ אַ גזרה שוה צווישן אים און דעם טאַטן.

דער טאַטע, דער חסיד, דער מקובל האָט זיך מקבל געווען צו זיין די וועלט דורך היילן די נ ש מ ה און ער, זיין זון, האָט זיך פאַרגומען מתקן צו זיין די וועלט, דורך היילן דעם ג ו ף.

אַ שמייכל האָט זיך צעלייגט אויף זיינע בלויע ליפּן און באַלד זיך פאַרוואַנדלט אין אַ וויטיקלעכער גרימאַסע.

דער פרילינג־פאַרנאַכט איז געווען אַ קילער און ס'האָט אַ שפּילעווודיק ווינט אַריינגעבלאָזן דורכן פאַציאַטקע־פענצטערל און זיך געשפּילט מיט די לאָקן פון די יונגע סטודענטן, וואָס האָבן פאַרזונקענע אין טרויער און מיט שווערע מחשבות זיך אַריבערגעבויגן איבערן קראַנקנס בעט.

קיינער האָט נישט געקענט אַזוי גוט לייענען ברעגמאַנס געדאַנקען, ווי העלאַ; זי האָט אים גוט געקענט און מער נאָך זיך באַמיט אים צו קענען,

פאר איר איז ברענגמאן געווען א גאט; פון קיין אנדערן האט זי נישט גע־ווסט. זי האט פארשטאנען אז יא!

נאך דער קורצער בארעטונג מיט שטומע בליקן האט מען זיך אויפגע־הויבן פון די ערטער, העלא פריער, דערנאך בערנארד, מאניעק און פעליקס. ביים פענצטערל שטייענדיק, האבן די חברים איר געקוקט אין די אויגן אריין.

— ער וויל.

— דארף מען רופן.

— דעפעשירן.

— שוין!

פעליקס, פלינק אויף א שליחות איז ווי א ווינט אראפ פון די פיר שטאק און אין עטלעכע מינוט שפעטער האט שוין וועלוול שמש אין גראדזיסק געוווסט אז זיין ישראל דארף האבן רחמים...

זיך גוט אויסגעוויינט פארן אפענעם ארון קודש, אהיים געקומען, בא־פוילן דער יידענע, שענקען א פונט לעכט פארן שטיבל;

גענומען דעם טלית־זאק אין איין האנט און אין דער אנדערער האנט דעם שטעקן, אריבערגעשפרייזט דעם שוועל מיטן רעכטן פוס, א קוש געטאן די מזוזה און ס'הארץ האט אים געזאגט:

— בטחון...

זיצט וועלוול מקובל אין דעם באן־וואגאן און טראכט:

— מוחל זיין?

— אוודאי מוחל זיין...

— ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא... און — אז ער, זיין טאטע, וועט זיך מרחם זיין, וועט דער טאטע אין הימל זיך אויך מרחם זיין: — מוחל, מוחל...

און רב וועלוול האט ביי זיך פעסט אפגעמאכט — אזוי ווי ער טרעט נאר אריבער די שוועל פון זיין זון, איז ער בפירוש מודיע אז ער איז אים אלץ מוחל...

ליגט דער קראנקער אויפן געלעגער און טראכט:

— אמת, דער טאטע האט פון אים נישט געוואלט וויסן, פון זיין בן יחיד...

טאטע און זון, צוויי וועלטן... און איצט, וועלן זיך ביידע וועלטן

באַגעגענען — — — אפשר צום לעצטן מאָל — — — דער טאַטע האָט אים ליב, יאָ, אין דעם איז ער זיכער, ער וועט ליידן, שרעקלעך ליידן; אין די לעצטע מינוטן דאַרף ער זיך אָנטאָן א כוח, זיך אויפזעצן און זאָגן דעם טאַטן איין וואָרט:

— מוחל — —

רב וועלוול איז קוים אַרויף שווער סאַפּנדיק אויפן פערטן שטאָק און שטיין געבליבן פאַר דער טיר — — וואָס זעט ער, אַ?... טאַפּט מיט דער האַנט אויפן האַלז, ווו עס דאַרף זיין אַ מזוזה — — — אָבער ניין, ער וועט נישט לאָזן דעם שטן מקטרג זיין; אָפּגעמאַכט אַז ער איז מוחל, אַלץ מוחל — — — אויפגעפּראַלט די טיר און מיט אַן אָפן מויל שטיין געבליבן אין מיטן צימער. זיין בן יחיד ישראל, נישט צו דערקענען, אַ שאָטן פון אַ מענטשן; אַ מיידל העלפט אים זיך זעצן אויפן בעט און זיין מויל איז ברייט אָפן.

טאַטע און זון וואַרטן צו הערן איינער דעם אַנדערנס לשון; די מיילער שטייען אָפן, ס׳לשון איז אָבער פאַרשטיקט אין דער קעל — — —

פאַרן טאַטן און זון האָט העלא געערדט:

— מוחל — —

און זיך ביטער צעוויינט.

אַ כוח פון אַ קאַפּעלוש

אז עס האָט זיך געמאַכט, אַז ביי הערשעלע וואָלאָמינער איז געוואָרן געשלאָגן די פּרנסה, רופט ער זיך אָפּ צום ווייב:

— הער מיך אויס, חיה איטע, וואָס וועט זיין דער תכלית, פּרנסה ווערט שווער, פּויערים טרעפן שוין אַליין דעם וועג אין שטאָט אַריין, דעם יידן דאַרף מען שוין נישט, זעסט דאָך... מילא וועט מען זיך מוזן אַן עצה געבן און השם יתברך וועט העלפן...

הערשעלע וואָלאָמינער האָט אַביסעלע אָפּגעזיפצט, אַראָפּגעשאַרט די סרושקעס פון דער באָרד, אויסגעגלייכט זיך, אַ קוק געטאָן אין שפּיגל און געטראַכט:

— נישט קשה, מיינע האָר זענען נאָך בלאָנד, קיין גרוי פעדימל זעט זיך נאָך דערווייל נישט...

— יאָ, אַנטקעגן וואָס רעדן מיר חיה איטע, אַנטקעגן אונדזער זעליקן, קיין עין הרע, אַ בחור מיט אַלע מעלות, אַ גילדערנער בעל מלאכה, אָבער דאָ אין וואָלאָמין וואָס וועט פון אים ווערן?

— אפשר זאָל ער פאָרן קיין ווארשע? — האָט חיה איטע געלייענט דעם מאַנס מחשבות און זיך געכאַפּט, אַז זי האָט נאָך נישט דערלאַנגט קיין גלעזל טיי נאָכן עסן.

— אַ גלעזל טיי, הערשעלע...

— נו, נו... האָט הערשעלע וואָלאָמינער אַ ברום געטאָן און דאָס האָט געהייסן „נישט מפסיק זיין, אַניט, וועט זעליק אָנקומען פון דער אַרבעט און ס'וועט נישט טויגן..."

— כ'מיין — האָט ער אַ זאָג געטאָן גאַר שטיל, כמעט געשעפּטשעט — כ'מיין אַז אין וואַרשע וועט פון אים ווערן אַ לייט און השם יתבוך וועט

העלפן — און ס׳איז געבליבן אַז אם ירצה השם באַלד נאָך פסח פאָרט זעליק אַוועק קיין וואַרשע, אַ גוטער בעל מלאכה, אַ זייגער־מאַכער, גאָלדענע הענט, ער וועט נישט פאַרפאַלן ווערן... און פאַרפאָרן זאָל ער צום פעטער, ס׳הייסט צו זיין ברודער, יודעלן, זאָל ער זיין ביי אים, ביז השם יתברך וועט העלפן...

זעליקן איז דער פּלאַן געפעלן געוואָרן, ווייל טאַטע, וואָס וועט ער טאָן דאָ אין שטעטל, ליגן דעם טאַטן אויפן קאַרג, אַ זייגערל איין מאָל אַ וואָך... וואַסער אויף קאַשע... און די פּרנסה אין שטוב ווערט שווערער, שווע־רער פון טאָג צו טאָג.

אין באַלד נאָך פסח זעליק אַוועק קיין וואַרשע, דער טאַטע האָט מיט־געגעבן אַ בריוועלע צו זיין ברודער יידלען, און אַ ברכה אויפן וועג. די מאַמע האָט מיט אַ ברעג פאַרטוך געווישט אַן אויג, בעת זי האָט אים דערלאַנגט אַ פּעקל וועש.

די צוויי קליינע ברידערלעך, משה און יאָסעלע האָבן זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן און זיך געסודעט

— זעליק פאָרט אין וואַרשע... ס׳איז ווייט... זייערט ווייט..

פון שוועל האָט דער טאַטע נאָכגעשריגן:

— זעליק, זיי אַ ייד, — זאָלסט זיך פירן יידיש, הערסט?!

און זעליק האָט דעם גאַנצן וועג אין באַן געהערט דעם טאַטנס ווער־טער: — זיי אַ ייד... פיר זיך יידיש... און ער האָט געטראַכט: — יאָ איך וועל זיין אַ ייד, ווי מיין טאַטע, דאַווענען אין שטיבל; ווי דען? — ווערן אויס ייד?...

זעליק האָט געבלאָנדזשעט איבער די וואַרשעווער גאַסן און זיך נישט אַרומגעזען, אַז ער געפינט זיך אין אַ גוייִשן קוואַרטאַל. ער איז געגאַנגען פאַרטראַכט וועגן זיין שטעטעלע וואָלאָמין, וווּ ער האָט זיין יוגנט פאַר־בראַכט. ער האָט געזען פאַר די אויגן זיין טאַטן, אַ הויכער שיינער ייד, מיט אַ לאַנגער בלאָנדער באָרד, אַ קאָצקער חסיד; זיין פרומער מאַמען, מיטן שייטל אויפן קאָפּ; זיינע קליינע ברידערלעך מיט די פעך־שוואַרצע אויגן, זייערע פּאַהלעך... כשרע יידישע קינדערלעך...

מיטאַמאָל האָט ער דערהערט הינטער זיינע פּלייצעס: — זשיד, קאַפּאַ־טשאַנשו! — און אַ שטיין איז אים פאַרביי־געפלויגן פאַרן פּנים און באַלד נאָך איינער און אַט... האָט ער דערפילט אַ בייל אין קאָפּ, ווי עס וואָלטן

אים פליגל אויסגעוואקסן, איז ער געפלויגן פון איין גאס אין דער אנדערער און זיין לאנגע קאפאטע האט זיך צעפלויגן איןביידע זייטן, און גויים האבן געלאכט:

— זשידאווסקי פטאק!... א יידישער פויגל...

און מיטאמאל דערזעט ער פאר זיך יידן; ער האט זיך אפגעשטעלט, מיט א ברעג פאלע אפגעווישט דעם שוויים און געפרעגט:

ווו גייט מען דא צום אייזערנעם טויער, צו די האליעס?

מען האט אים געוויזן:

— גלייך, גלייך, דרייט זיך ארונטער און גייט ווידער גלייך...

ביז ער איז געקומען צום אייזערנעם טויער, צו די האליעס.

ער האט זיך ארומגעקוקט; עס האלט שוין ביי שקיעה. א שיינע פאר שעה זיך ארומגעדרייט. ווען ער איז אראפ פון באן איז די זון געשטאנען אויפן רעכטן מיטן הימל און אט באהאלט זי זיך, ווי פארשעמט שקארלאט־רויט הינטערן אייזערנעם טויער, הינטער די האלעס.

א שטיק הימל איז געווארן אנגעצונדן צונטער־רויט און פון אלע זייטן האבן זיך אנגערוקט שאטנס אין אלערליי געשטאלטן.

פערד האבן געקלאפט מיט אייזערנע פאדקעוועס אויפן הארטן, שטייןגערנעם ברוק און רעדער האבן געראשט, ווי טויזנטער גראגערס. יידענעס האבן געשלעפט שווערע קוישן און זיך געקאטשעט ווי אנגעשטאפטע גענז. יידן מיט בערד, האבן זיך געבויגן אין דרייען אונטער דער לאסט פון שווערע פעק און ציצות פון טלית קטנס האבן זיך געבאמבלט איבערן טראטואר. קינדער ווי א מחנה פויגל האבן זיך צעשאטן אויף אלע זייטן און אט לויפן זיי נאך, נאך עטלעכע און נאך... אלע פון איין טויער ארויס, פון וואנען ס'טראגן זיך נאך אפגעריסענע קלאנגען פון תורה. זעליק האט זיך דערפילט מיד, ער האט אראפגעלייגט ס'פעקל אויף דער ערד און אליין זיך אנגעשפארט אין א סלופ פון א לאמטער, וואס איז געשטאנען אין א ווינקל און געווארט, אז אט אט וועט מען אים צוטראגן א פאקל און באלייכטן...

פון א הויף האט זיך דערהערט א הייזעריקער קול:

— האנדל, האנדל, אלטווארג, אלטווארג, אלטווארג!!

זעליק האט זיך אומגעקוקט. פון טויער איז ארויס א הויכער ייד, מיט ברייטע פלייצעס, פון וועלכע עס האט זיך געבאמבלט א שפארער פאק. מיט איין האנט האט דער ייד צוגעהאלטן דעם פאק, און מיט דער אנדערער

געהאַלטן אַ גראָבן שטעקן, מיט וועלכן ער האָט מונטער צוגעקלאַפּט איר בערן בהוס.

דער ייד האָט געקוקט מיט גרויע אויגן אונטער געדיכטע ברעמען אין אַ ווייטער, ווייטער וועלט אַריין...

— אַ באַקאַנט פּנים... האָט זעליק געטראַכט.

— זייט מוחל פעטער — האָט זיך זעליק אומווילנדיק אַרויסגעכאַפּט — ווייסט איר ניט, וווּ עס וווינט דאָ רב יידל וואָלאָמינער?

— האָ? — האָט דער ייד אַ ברום געטאָן אונטערן נאָז און שטרענג אַ קוק געטאָן אויפן בחור און אים געמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס.

— ווער ביסטו?

— איך, האָט זעליק געשטאַמלט, —בין זעליק, הערשל וואָלאָמינערס...

— קום מיט מיר!... האָט דער ייד אים איבערגעשלאָגן... נעם ס'פּעקל — צוגעגעבן, באַמערקנדיק דעם בחורס פּעקל אויף דער ערד.

— זאָל דאָס טאַקע זיין ער, מיין פעטער, הייסט עס, נישט אומזיסט גערופן דעם יידן פעטער...

שוין צען יאָר דעם פעטער נישט געזען, פון זינט ער איז געוואָרן אַן אַלמן און אַוועק קיין וואַרשע, געוועזן אַ ייד, אַ גבור אַ פּאַרשוין דער פעטער יידל, נאָך היינט אויך נישט קשה... יאָ דאָס איז ער...

זעליק איז נאָכגעגאַנגען נאָך זיין פעטער יידל, וועלכן ער האָט אַזוי נישט דערוואַרט באַגעגנט און געטראַכט, אַז ס'איז אַ גוטער סימן, געטראָפן מיטן רעכטן פוס.

און אָט גייען זיי אויף די טרעפּ, דער פעטער פאָרויס און זעליק טריט ביי טריט נאָך אים, ביז זיי דערגרייכן דעם פערטן שטאָק און דער פעטער עפנט אַ טיר. קומען זיי אַריין אין אַ קליין צימערל מיט אַ פענסטערל איבערן דאַך אויפן גאַס אַרויס, אַנטקעגן דעם אייזערנעם טויער, קעגנאיבער די האַלעס. אין דרויסן איז שוין שטיל. די שאָטנס האָבן זיך ברייט צעלייגט איבער די שטאָטישע ווענט און די לאָמטערן האָבן זיך צעפינקלט און ווינקן זיך איבער מיט די שטערן אין הימל. אַ האַלבע לבנה פון אויבן אַראָפּ: — עהע אָפּגעהאַוועט אַ מאָג, נו, וואָס? ווידער נאַכט ווידער מיד... ווידער רו...

זעליק האָט זיך אַרומגעקוקט: באַטראַכט דאָס מעבל אין צימערל: אַן אייזערן בעטל, אַ טישל מיט עטלעכע שטולן, אַ שאַפקע און אַן אַלטע סאָפקע.

— דאָ וועסטו שלאָפן! — האָט פעטער יידל באַפוילן, מיט אַ בליק צו

דער סאפקע, ווען זעליק האָט אים דערלאַנגט דאָס צעקניטשע בריוול פון זיין טאַטן. געשריבן „צום ליבן ברודער יידל".

זעליק האָט געקריגן ארבעט ביי זיין פאַך און גוט פאַרדינט. ער האָט זיך פאַרשריבן אין „פאַריין" און געוואָרן אַ חבר...

פלעגט ער אַמאָל אין אַ אָוונט ארויפקומען אין פאַריין, האָט ער געטראָפן יונגעלייט מיט קורצע רעקלעך און מיט קאַפעליושן אויף די קעפּ.

זעליק האָט זיך געפילט צו זיי קאַלט. „דייטשן" — האָט ער געטראַכט און זיך דערמאָנט דעם טאַטנס אָנזאָג: — זעליק, זיי אַ ייד!...

איין חבר האָט זעליק געקריגן אַזאַ ווי ער, פון אַ קליין שטעטל אַ חסידישער יונגערמאַן, אַ זיינערמאַכער, מענדל האָט מען אים גערופן.

מענדל האָט אים דערציילט, אַז ער קומט פון זשעליכאָוו, זיין טאַטע, אַ תבואה־סוחר, פּרנסה — גייט באַרג אַראָפּ, וואָס קען מען טאָן...

וואָס מער מענדל האָט דערציילט, אַלץ מער האָט זעליק געהערט זיין אייגענע ביאָגראַפיע.

— סדנא דארעא חד הוא — אַלע וועגן זענען גלייך.. זעליק מיט מענדלען האָבן זיך ווי געטרייע חברים באַהאַפטן און געוואָרן ממש נפש אחת. זיך אַלע טאָג נאָך דער ארבעט געטראָפן אין „פאַריין". יעדן פרייטיק צו נאַכט און שבת געדאַוונט אין איין שטיבל. געגעסן מיטאָג צוזאַמען אין אַ כשרער גאַרקיך. (וועטשערע האָט ער געגעסן ביים פעטער).

אין אַ שיינעם אָוונט זענען די חברים געגאַנגען שפּאַצירן און געשמועסט וועגן די סטרא אחרא וואָס פירט אַראָפּ יונגע מענטשן פון גלייכן וועג און מען דאַרף האָבן כוח זיך צו ווערן. מעשות פון מוסר־ספרים, וואָס זיי האָבן געדענקט, האָבן זיי איינס דעם אַנדערן דערציילט און אין האַרצן געבענקט נאָך דער יוגנט, וואָס איז ווי אַ בליץ פאַרשוווּנדן...

אַזוי שפּאַצירנדיק, זענען זיי צוגעקומען צו אַ פּראַכטפולן טעמפּל מיט אַ רונדן קופּאָל אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען אַ מגן דוד און אין פראָנט — צוויי גרויסע מנורות.

— וואָס איז דאָ, מענדל?

— די סינאַגאָגע... האָט מענדל אומעטיק געענטפערט.

— וואָס הייסט?

— די טלאָמאַצקער שול... די „דייטשע שול". עס זינגט דאָ סיראָטאַ מיטן כאָר, האָסט נישט געהערט?

זעליק האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ.
— אפשר גייען מיר דאָ אַריין, אַ שבת, מענדל?
— מ'לאָזט נישט אַריין.
— פאַרוואָס?...
מענדל האָט געשוויגן.
אַ צווייטן מאָל זענען זיי פאַרביינגעגאַנגען אַ גרויסן, שיינעם פּאַרק, אַרומגענומען מיט אַ הויכן אייזערנעם צוים און ביים טויער איז געשטאַנען אַ „גאָראָדאָוואָי".
— וואָס איז דאָ, מענדל?
— דער זאַקסישער גאָרטן.
— קום אַריין, מענדל!
— מ'לאָזט נישט...
— וואָס הייסט, מ'לאָזט נישט, איז שוין זעליק צוגעשטאַנען, פאַרוואָס לאָזט מען נישט? — מענטשן גייען דאָך יאָ אַריין!
— אונדזערע מענטשן לאָזט מען נישט אַריין, מיט היטלעך, מיט קאַפּאָטעס... מענדל האָט שווער אָפּגעזיפצט און נישט פאַרענדיקט.
זעליק איז געוואָרן בלייך פון אויפרעגונג.
— וואָס הייסט, מען לאָזט ניט, ניט אין סינאַגאָגע, ניט אין פּאַרק?...
ער האָט זיך דערמאָנט אָן די פרייליכע, מונטערע יונגעלייט אין פאַריין. זיי לאָזט מען אומעטום אַריין. ער האָט זיי געזען שפּאַצירן מיט מיידלעך... יאָ די מיידלעך מיידן אויך אויס אַזאַ איינעם מיט אַ היטעלע און אַ קאַפּאָטע...
זיין האַרץ האָט אָנגעהויבן ווי מיט האַמערס צו קלאַפּן; עס האָט זיך געריסן ווי אַ פויגל, אין אַ שטייג, צו דער פריי...

אַז מענדל מיט זעליקן האָבן זיך אין איין פרימאָרגן באַגעגנט און זיך דערזען אָנגעטאָן אין קורצע רעקלעך און מיט האַרטע קאַפּעליושן אויף די קעפּ, האָבן זיי זיך צעלאַכט.
מענדל האָט דער ערשטער זיך אָפּגערופן:
— איצט וועט זיך פאַר אונדז עפענען שבת די טיר פון סינאַגאָגע און זונטיק — דער טויער פון זאַקסישן גאָרטן...
— און... האָט זעליק אונטערגעכאַפּט... און מיידלשע הערצער וועלן

זיך עפענען... מענדל האָט זיך געריוויטלט ווי א פאנאר און זעליג האָט זיך גע־כיסן די פינגער. אין הארצן האָט ער חרטה געהאט, אָבער כאַפּן צוריק איז שוין געוועזן צו שפּעט...

אין אָוונט ווען זעליק איז געקומען צום פעטער יידל, האָט ער אין יענעמס אויגן אויסגעזען ווי א פארשטעלטער.

— הא, וואָס איז דאָס? — האָט דער פעטער אויף אים אָנגעשטעלט א פּאָר גרויסע אויגן און אין דעם מאָמענט געטראכט; — זאָל ער אים הייסן גיין, און אפשר גאָר ארויפלאָזן א מתנה יד, צי כאָטש אָנשרייבן א בריוו־רעם טאָטן?...

אָבער נאָכדעם ווי זעליק האָט אים אויסדערציילט אלץ ווי אזוי ס'איז אים געקומען אויפן געדאנק און צו וואָס ער האָט עס געטאָן, כאָטש אין הארצן איז ער געבליבן דער זעלבער ייד, האָט זיך דער פעטער צעשמייכלט, אראָפּגענומען אים פון קאָפּ דעם קאפעליוש, אויסגעטאָן זיין היטל און אנט־קעגן שפּיגל אָנגעמאָסטן אויפן קאָפּ דעם קאפעליוש און מיט דער רעכטער האנט זיך פארבויגן די באָרד און געלאכט:

— כע — כע — כע...

— א כוח ס'האָט א קאפעליוש!...

אָפּגעזונגען אַ לעבן

שמואליקס טאַטע, יואל דער לאַטוטניק האָט געוווינט אויף ניסקע גאַס אין אַ קעלער־שטוב.

פאַרבייגייער אין גאַס פלעגן דערהערן אַ געזאַנג ווי פון אַ קבר אַרויס. פלעגן זיך אָפּשטעלן און אַראָפּקוקן צום פענצטערל אונטן אין קעלערל אַריין און בלייבן געפּלעפט.

אַ חושכדיק צימערל, ווי אַ קבר, אַ בעטל, אַ טישל, צוויי קרומע, לאָמע בענקלעך און אונטערן פענצטערל ביי אַ ניי־מאַשין זיצט יואל דער לאַטוט־ניק אַריבערגעבויגן איבער אַ לאַבמאַן און לאַטעט, נייט; קערט איבער די פּאָדשעווקע, באַטראַכט פון אַלע זייטן דעם לאַבמאַן און זינגט דערביי אַ ליד.

קיין גרויסער איבערקלייבער אין זינגען איז יואל נישט. ער זינגט, וואָס ער האָט געהערט אין יידישן טעאַטער.

דעם קאָפּ אַריבערגעבויגן איבער דער מאַשין, הויבט ער זעלטן אויף סיידן, אַז ער דאַרף איינפעדעמען אַ נאָדל, דאַן הויבט ער אויף זיין שוואַרץ געקרייזלטן קאָפּ, האַלב פאַרדעקט מיט אַ יאַרמולקע, באַווייזט זיין געדיכטן, שוואַרצן זאַראָסט, שטעכט דורך דעם חושך פון זיין קעלער־צימערל מיט פייער־בליקן און זאַפּט אַריין מיט די זעלביקע בליקן די קאַרגע ליכט־שטראַלן, וואָס פאַרבלאָנדזשן פון דרויסן דורכן קעלער־פענצטערל אַראָפּ...

מענטשן קוקן און שטוינען:

— לעבט אין אַ קבר און זינגט...

מען טרעט אָבער נישט אָפּ; דאָס געזאַנג שמידט זיי צו; דאָס געזעמל ווערט גרעסער; עמיץ האָט רחמנות און טראָגט אַראָפּ אַן אַלטן קאַפּטאַן צו פאַרלאַטען...

דאָס ווייב קומט פון מאַרק מיט אַן אָנגעלאָדענעם קיישל ציבעלעס, מייערן, פּעטרישקע און אַ פּאָר פלינעלעך; דערזעט דאָס געזעמל און טראַכט:

— ער האָט זיך שוין צעזונגען...

אָבער אָט דערמאָנט זי זיך, אַז עס פֿאַלט אַריין אַ שטיקל אַרבעט און ווערט אויפֿגעלייגט און אַליין קומט זי אויך אין „שטוב״ אַריין מיט אַ לידל פֿון יידישן טעאַטער...

— האַ, סקאַצל קומט, וואָס מאַכסטע, פֿעשעי?... נאַ, זע, און ווייזט איר אַ צעקראָכענעם קאַפּטאַן וואָס לאָזט איבער אַ זעקסער... עט זיין צושטייער אויף דירה־געלט...

מאַן און ווייב קוקן זיך איבער, צעלאַכן זיך און פֿונם געלעכטער אַרויס ווערט פֿאַרצויגן אַ ניגון; ווידער אַ געזעמל ביים פֿענצטערל און ווידער אַן אַלטער קאַפּטאַן צו לייגן אַ לאַטע... אַזוי פֿאַרגייט אַ זומער, ווען די פֿענצטער זיינען ברייט אָפֿן און דאָס געזאַנג פֿון קעלערל צעטראָגט זיך פֿריי אין גאַס אַרויס און מענטשן, שיינענדיקע, צעפֿרידענע פֿון דעם וואַרימען ווינטער, וואָס מאַנט נישט קיין דיקע קליידער, קיין האַלץ און קיין קוילן, שטעלן זיך אָפּ און פֿאַרגרעסערן ס׳געזעמל; פֿאַסמאַקעווען זיך מיטן געזאַנג, וואָס קומט ממעמקים... און — ס׳געפֿינען זיך מענטשן מיט אַ גאָט אין האַרצן...

אַז עס קומט אָבער יעשען מיט די רעגנס און בייזע ווינטן; קיין פֿענצטער קען מען נישט עפֿענען; מענטשן לויפֿן אין גאַס ווי שדים... און ווער רעדט — ווינטער, אַז דער פֿענצטער איז פֿאַרקאַווּעט און ס׳איז חושך, ווי אין אַ קבר... איז טאַקע ביטער...

וואָס טוט יואַל? קיין אַרבעט איז נישטאָ און די פֿינגער שטעכן ווי נאָדלען און מ׳הוסט אַביסל צו; כאַפּט מען אַ דרימל און אַז מ׳שטייט אויף אַ ביסל דערוואָרעמט פֿון אונטערן איבערבעט, נעמט מען זיך צו די אייגענע בגדים, זיינע יואַלס און פֿעשעס, און אַז די בגדים זיינען אויספֿאַרראַכטן, פּוצט מען זיך אויס ווי די שררות און מ׳וואַרט נאָר ביז ס׳עט ווערן טונקל צו גיין אין יידישן טעאַטער...

אַז שמואליק איז געבוירן געוואָרן, איז אַריין די מזל־ברכה אין קעלער אַריין.

שכנים האָבן אָנגעהויבן צו טראָגן אַרבעט פֿון אַלע זייטן און ס׳איז געוואָרן אַ מחיה... עמיץ האָט געבערענגט אַן אַלט וויגל, געקויפֿט אויף דער וואָלאָווקע אַ מציאה.

— איר עט מיר אָפּאַרבעטן, נישט קשה... און דער אייגענער שכנא האַנדלאַרזש האָט כסדר געבראַכט צו פֿאַרריכטן און פֿאַרלאַטען און כסדר געשטופּט אין האַנט אַריין קופּערנע זעקסערס און צענערס:

— איר'ט אַפּאַרבעטן אַן אַנדערש מאָל... אַן אַנדערש מאָל...

און יואל האָט פאר שבנאן געמאַכט פון אַלט ניי און שבנא האָט געקוואָלן:

— גאָלדענע הענט... גאָלדענע הענט!

האָט שוין יואל געהאַט ארבעט אין יעשען אויך און אין ווינטער; א גאַנץ, קיילעכדיק יאָר...

האָבן טאַטע־מאַמע זיך איבערגעקוקט און מיט א זיסן שמייכל געמורמלט:

— אינם קינדס מזל... אינם קינדס מזל...

און דאָס קינד האָט גאָר זעלטן, ווען געוויינט און, אז ס'האָט יאָ אמאָל א וויין געטאָן, איז עס געווען א געזאַנג...

אז שמואליקל האָט אָנגעהויבן קראַשקעווען אויף אַלע פיר און האָט נאָר באַוויזן די ערשטע קלאַנגען ארויסצוברענגען: — מאַ — מע — טו — באַ — טיאַ... האָט יואל אויסגעשריגן:

— פעשע, דאָס קינד זינגט!

און אז שמואליקל האָט זיך געשטעלט אויף די פיסלעך, אָנגעהויבן פּליעסקען מיט די הענטלעך און לאַכן, האָט שוין יואל מיט א זיכערן טאָן א זאָג געטאָן צום ווייב:

— ער עט זיין א זינגער! און טאַטע־מאַמע האָבן אָנגעהויבן לערנען זייער בן־יחיד זינגען, ווען ער איז נאָך קיין יאָר נישט אַלט געווען.

האָט שמואליק געקענט זינגען נאָך איידער ער האָט געקאָנט רעדן און יואל האָט עס דערקלערט זיין ווייב גאָר פשוט:

— דער ניגון דאַרף גאָרנישט קיין ווערטער; דער ניגון קומט פון דער טיף ארויס; זעסט דאָך...

אז שמואליק איז אַלט געווען פינף יאָר, האָט אים יואל פאַרוויקלט אין א טלית, אוועקגעטראָגן צו חיים־בער מלמד און אַזוי געזאָגט:

— הערט אויס רבי, דאָס איז אונדזער אוצר, אונזער אויג אין קאָפּ, מאַכט פון אים א לייט... און פעשע איז געשטאַנען הינטערן מאַנס פּלייצעס און געווישט א טרער.

און שמואליק האָט פאַרקלונגען דעם חדר ווי א גלעקל וואָלט זיך געציקלט אין דעם חלל...

— יענטע־גיטל!... האָט דער רבי גערופן דער רביצן, וועלכע האָט אין דרויסן געפּליקט אַן עוף. קום נאָר אריין! און די רביצן איז אריין א דער־שראָקענע, מיט א פאַרקאַשערטן פאַרטעך און א שמיס פון קלייד אָנגעפילט

מיט פעדערן און מיט אן אפגעפליקטן עוף אין איין האנט און א מעסער אין דער צווייטער...

— וואס איז?...

— הערסט נישט?...

— טאקע... איז די יידענע שטיין געבליבן פארגאפעט, און ארויסגע־לאזט דאס מעסער מיט א קלונג...

און שמואליק האט געזונגען:

— אלעף, בית, גימל!...

צו זיבן יאר איז שמואליק געווארן א משורר אין נאזשיקס שול און אז דער עולם האט דעם ערשטן מאל דערהערט שמואליקס „הבן יקיר לי אפרים!" איז מען פון די כלים ארויס.

— וועמעס איז ער?

— יואל דעם לאטוטניקס!

— אזוי... פסס..

און מענטשן מיט גאט אין הארצן האבן יואל דעם לאטוטניק ארויסגע־נומען פון קעלער־שטוב און באזעצט אין א דירה אויף מוראנאוו ווי עס פאסט פאר א טאטן פון א זון, משורר אין נאזשיקס שול וואס זינגט סא־לאס און צענעמט די הערצער...

— וואס הייסט, מירן לאזן דאס קינד פינצטערן? און יואל האט אין דער נייער דירה זיך צעזונגען א „מאשפות ירים אביון"! אז די ווענט האבן זיך געטרעסליעט... און פעשע איז געקומען פון מארק... און שמואליק פון שול, נו, איז מוראנאוו געווארן שווארץ פון מענטשן.

שמואליק איז געווארן א זינגער.

געזונגען אין שול, אין טעאטער, אויף קאנצערטן פאר צדקה־זאכן (אין אזעלכע פאלן אן געלט) און אין דער היים...

אז בעלי בתים זענען געקומען צו יואלן און אים געבעטן ער זאל שיקן שמואליקן אין א קאנסערוואטאריע, האט ער נישט געוואלט הערן און גע־דענקען.

— וויים עך וואס!... האט ער אוועקגעמאכט מיט דער האנט, אז מען קען, קען מען און אנישט, העלפט נישט קיין קאנסערוואטאריע...

און אז מ׳האט זיך שטארק געבעטן און אז מ׳האט געטענהט: — ס׳וועט אייך נישט קאסטן... האט ער צוגעשאקלט מיטן קאפ: — מילא... און פעשע האט מיטן ברעג פארטעך אויסגעווישט א טרער פון נחת.

איבער גאַנץ וואַרשע און ווייט אַרויס פון וואַרשע האָט שוין געקלונגען דער נאָמען פון שמואל זילבערקראַנץ, דער טענאָר, וואָס נעמט איין די וועלט...

אין נאַזשיקס שול — דער ערשטער טענאָר. אין טעאַטער — דער ערשטער באַריטאָן און מ׳זאָגט אַז ער זינגט אין דער אָפּערע אונטער אַ פאַרשטעלטן נאָמען... זיין טאַטע האָט שוין נישט געלעבט. אין אַ קאַלטן, פייכטן יעשען זיך פאַרקילט גייענדיק שפּעט ביינאַכט פון טעאַטער, זיך געלייגט אין בעט, געפיבערט, געהוסט: — די בעסטע דאָקטוירים האָט מען געשיקט ראַטעווען שמואליקס טאַטן; פּעשע האָט קיין אויג נישט צוגעמאַכט; שמואליק איז פון טאַטנס בעט נישט אָפּגעטראָטן און — — — איינמאָל אַ פרייטיק צו נאַכט מאַכט דער קראַנקער אויף די פאַרשמאַכטע אויגן, קוקט אויפן זון און שעפּטשעט:

— זינג, זינג: — הגוף שלך והנשמה שלך...

שמואל האָט פאַרשטאַנען אַז דער טאַטע געזעגנט זיך מיט נאָטס וועלט און אַז דעם טאַטנס געבעט איז דאָס מאָל שוין דאָס לעצטע געבעט און ער טאָר נישט פאַרזאָגן; האָט ער ווי מיט אייזערנע צוואַנגען איינגעהאַלטן די טרערן, וואָס האָבן אים געשפּאַרט פון די אויגן און זיך צעזונגען מיט אַ קול, ווי זיסער וויין:

—הגוף שלך והנפש שלך...

און דער טאַטע האָט מיט די לעצטע כוחות אויסגעכריפּעט:

— הגוף שלך...

פּעשען האָט מען געמוזט פון שטוב אַוועקנעמען; זי וואָלט אַראָפּ פון די געדאַנקען; אַ גאַנץ יאָר האָט זי געיאָמערט און איר יאָמער איז געווען אַ געזאַנג מיטן ניגון פון איר מאַנס לעצטן כריפּעדיקן געזאַנג:

— הגוף שלך...

און מענטשן האָבן אויף די הענט געטראָגן דעם טענאָר שמואל זילבערקראַנץ און די וואָס האָבן געקענט זיין טאַטן האָבן געטענהט:

— וואָס וווּנדערט איר זיך?... געהאַט אַזאַ טאַטן... אָפּגעזונגען אַ לעבן...

אָפּגעזונגען אַ לעבן...

רב לייזער בריל

(סקיץ.)

רב לייזער בריל, א ייד שוין אין די טיפע זיבעציקער, זיצט זיך אזוי אויף זיין גאניקל, שבת צווישן מנחה און מעריב און גלעט מיט הנאה זיין ברייט צעוואקסענע, שניי־ווייסע באָרד און זיינע מויבן־אויגן שמייכלען.

פארביי אים, אויף דער ברייטער שאָסיי־גאס שפּאַצירט געראַמט פאַר־וויז די שטעטלשע יוגנט; לאכן, שטיפן, זינגען לידער און מיטאמאָל ווערט מען שטיל, סטאַטעטשנע און מען סודעט זיך: — רב לייזער בריל... רב לייזער בריל...

א שוואַרץ חנודיק מיידל פארדרייטלט זיך, וואַרפט א סודותפולן בליק צום גאניקל און שעפּטשעט מיט א ציטערדיקן קול:

— גוט שבת!...

באַלד כאַפּט אונטער א צווייט מיידל, א בלאָנד־האָריקע, א דרייסטערע און קלינגט אויס ווי א זילבערן גלעקעלע:

— גוט שבת!

כאַפּן אונטער די בחורים אין פארשידענע טענער, האַרטע, מענערשע טענער: קלינגענדיקע, כמעט ייִנגלשע, אויסגעמישט מיט די זילבערנע און גאָלדענע מיידלשע קלאַנגען און עס ווערט א געזאַנג:

— גוט שבת!... גוט שבת!... גוט שבת!... און דער אַלטער רב לייזער מיט א הייזעריקן קול, אָבער פול מיט האַרציקער מתיקות ענטפערט אָפּ:

— גוט שבת, קינדערלעך!...

קומט אַרויף אויפן גאניק דער הויך געוויקסיקער, יאַדערדיקער רב פּנחסל, דער שוחט און חזן פון שטעטל, גיט אָפּ א הויכן, קלינגעדיקן „גוט

שבת" רב לייזערן, זעצט זיך צו און איידער ער באַווייזט נאָך אַ וואָרט אַרויסצורעדן, מאַכט צו אים רב לייזער מיט גרויס הנאה:

— אונדזער יוגנט, די יידישע יוגנט, דאָס איז דאָך די פּרחי הכהונה, ווי אין די צייטן פון בית המקדש, זיי גיבן מיר דאָך איבער די שליסלען...

און רב פּנחסל וויל עפּעס זאָגן, רב לייזער אָבער לאָזט נישט:

— זייט נישט מקטרג, ס'איז די פּרחי הכהונה...

און פון שאָסיי־גאַס קלינגט אַזוי לויטער „גוט־שבת!" — אַז רב פּנחסל, דער אָנגעכמורעטער ווערט אויך אויסגעלייטערט, זיין פּנים שיינט אויף, גיט זיך אַ גלעט דאָס בלאָנדע בערדל און זינגט אויס מיט זיין באַריטאָן־שטים:

— גוט שבת!... גוט שבת!

די זון הינטער די מילן איז אין שקאַרלאַט רויטע פאַרבן פאַרגאַנגען. דער הימל האָט זיך אָנגעקליידט אין פּורפּור און וויאָלעט־בלויע קאָלירן און וואָס ווייטער אַלץ טונקעלער און טונקעלער געוואָרן...

אויפן שווארצן הימל־פּאַן האָבן אָנגעהויבן פינקלען איינס נאָך איינס גאָלדענע שטערנדלעך.

די יוגנט האָט מחנותווייז זיך אַ לאָז געטאָן צוריק פון שפּאַציר צו רב לייזער ברילן אויף הבדלה...

ביי רב לייזערן אין אין האַנט ציטערט דער פּולער בעכער ווין און אין דער אַנדערער, די געפלאָכטענע הבדלה־ליכט און דער פלאַם אירער ציט זיך הויך, און וואַרפט שאָטנס אויסגעצויגענע אויף די ווענט, שווערע מעבל און הענגלייכטער...

און עס ציטערט רב לייזערס הייזעריקער קול:

— הנה אל ישועתי, אבטח ולא אפחד...

און די יוגנט טוליעט טוליעט זיך, טוליעט זיך און האַלט אין דעם אָטעם ביז... רב פּנחסל צעזינגט זיך אויף דער הויכער באַריטאָן־שטים; יוגנט כאַפּט אונטער, מען צינדט אָן פייער, עס ווערט ליכטיק, פריילעך, מונטער: —

— גוט וואָך, אַ גוטע וואָך!... רב לייזער גייט אַריין אין התלהבות, פּליעסקעט מיט די הענט און פאַרגייט זיך אין אַ ריקודל.

יונגט אין אַ ראָד, רב לייזער מיט רב פּנחסלען אין דער מיט.

עס כאַפּן זיך אַריין אין ראָד רב לייזערס הויז־געזינט, ווייב און קינדער, שניר און איידעמס, אייניקלעך און אַלץ זינגט און טאַנצט, אַזש עס ציטערט די שטוב און עס קלינגען די הענגלייכטער.

פארביי דער שטוב שליכט דורך אין דרייען א געבויגענער קוים אויף די קרומע פיס זיך האלטנדיק, דער שטאט־שומר, אנטאני דער שיכור און ברומט אונטערן נאז:

— זשידאַווסקי קרול!...

און עטלעכע הייזעריקע קולות זשומען ווי בינען:

— זשידזשי... זשיד... זש...

יוגנט האט זיך ווי א מחנה פייגל ארויסגעלאזט אויפן שאסיי מיט א הילכיקן, פריידיקן געזאנג און וויט, ברילט הייזעריקער קול אונטערגע־כאפט פון רב פנחסלס באריטאן:

— איי, איי, איי, די פרחי הכהונה, די פרחי הכהונה!...

בלייבן ווידער אליין אויף דעם גאניק רב לייזער בריל און פנחסל חזן.

שעפטשעט רב פנחסל דעם אלטן, לייזער בריל אויפן אויער: שטאט וויל, איר זאלט זיין גבאי ראשון!

— עט, עט, מאכט דער אלטער אוועק מיט דער ביינערדיקער האנט, מ'דארף נישט. לאז זיין פאר אנדערע. דער שור הבר מיטן לויתן זענען גע־נוג גרויס, סע סטייעט פאר אלעמען! ארום איז פינצטער, שטיל, קיין שארך פון קיין בלעטל.

אין הימל פינקלען שטערנדלעך און פון פענצטער פון יידישע שטיבער ווינקען דינע ליכט־שטראלן, ווי פון די שטערנדלעך אויבן... שא, שטיל, קיין שארך פון קיין בלעטל...

פאלט רב לייזערס גרויער קאפ אויפן ברוסט. די צארטע בלויע אויגן שליסן זיך.

הויבט זיך אויף פנחסל חזן פון ארט און גייט אויף די שפיצן פינגער.

— רב לייזער שלאפט...

הערט אבער הינטער זיך רב פנחסל א שעפטשען פון ליפן און קוסט זיך אום.

רב לייזערס ליפן באוועגן זיך און עס הערט זיך דעם אלטנס פליסטערן פון שלאף:

— איי, די יוגנט, פרחי הכהונה, פרחי הכהונה...

פאַרן אייזערנעם טויער

א געזעמל פאַרן אייזערנעם טויער, א טומל, א געפּילדער...

— וואָס איז דאָ?

— וואָס קומט דאָ פאָר?

— איר ווייסט נישט פּעטער?

— אפשר ווייסט איר, מימעשי?

— ווער וויים, מען שרייט, מען קריגט זיך!

— מען האָט זיך געפּאַטשט!

— ווער, ווער, פאַרוואָס?...

— אידענעס...

— די פישערקע מיט דער קצבטע.

— גיטעלע מיט פעסעלען?!...

אז דער עולם האָט זיך דערוווּסט, אז גיטעלע מיט פעסעלען האָבן זיך געפּאַטשט, איז ערשט געוואָרן א רעכטער חידוש.

— וואָס רעדט איר!?

— אָט איז דער פּריסטאַוו.

אינם געזעמל האָט זיך אַריינגעשפּאַרט א ברייטער, צעפּלאַטשטער גוי, אָנגעטאָן אין א בלויעם ראָק מיט מעשענע קנעפּ און מיט א גרויסער קאָקאַרדע אויפן היטל.

— דער פּריסטאַוו... דער פּריסטאַוו... האָט מען געגומען שעפּטשען און ס'איז געוואָרן שטיל. עס האָט זיך נאָר געהערט דעם פּריסטאַווס טיפע, ברוסטיקע שטים פון צייט צו צייט איבערגעריסן פון קוויטשיקע ענטפערס און א פאַרשטיקט שלוכצן.

די אויספאָרשונג האָט אַרויסגעבראַכט: די פישערין האָט געשריגן, אז די קצבטע פאַרקויפט טריפהנע פלייש און איר אָפּגעפּייערט צוויי פעטש

אין פּנים אַריין און איר געריסן דעם שייטל פון קאָפּ, דאָס אַלץ... מער האָט דער פּריסטאַוו נישט אינטערעסירט.

— רופט דעם ראַבין! — האָט אַרויסגעברומט זיין קול צאַרנדיק און באַלד האָבן עטלעכע ווייבער זיך אַ לאָז געטאָן מיט די קיישלעך אין די הענט צו העשעלע מורה הוראה, וואָס האָט געוווינט אין אַן אויבער־שטיבל אַנטקעגנאיבער דעם אייזערנעם טויער.

דער פּריסטאַוו האָט פאַרוויכערט אַ פּאַפּיראָס און זיך אַוועקגעשטעלט מיט אַ מינע פון אַ חכם וואַרטן אויפן ראַבין.

אַלעמענס בליקן האָבן זיך געווענדעט צו יענער זייט גאַס, פון וואַנען עס האָט זיך באַוויזן העשעלע מורה הוראה אַרומגערינגלט מיט ווייבער אַזוי, אַז מ'האָט קוים אַרויסגעזען זיין מאַגערע, איינגעשרומפּענע געשטאַלט, איינגענורעט אין אַ קאַפּאָטע, לאַנג ביז די טריט; אויפן קאָפּ אַ קליין, אויס־געבליאַקעוועט שטריימעלע, פון הינטער וועלכן עס האָבן אַרויסגעבליצט שוואַרץ־פינקלדיקע אויגן, ווי שטערנדלעך; זיין באָרד, אַ גרויל־עכע, ווי אַ מטמון באַהאַלטן אין קאָלנער.

— ראַבין, זאָג, די פלייש איז כשר צי טריף!? — האָט אים אַנטקעגנגע־דונערט דעם פּריסטאַווס ברוסטיקע שטים.

העשעלע מורה הוראה האָט אַ קוק געטאָן אויף פּעסעלען, ווי זי שטייט אַ פאַרצווייפלטע, דער שייטל אויפן קאָפּ פאַרריסן אויף אַ זייט, אירע ליפּן בלוי פון אויפרעגונג און זי טרייסלט זיך ווי אַ בלעטל אויף אַ בוים אין אַ תּאַרבסטיקן אָוונט...

דאָס פלייש אויף איר קלאָץ איז געלעגן נישט גערירט פון קיינעם, כאָטש אויף די זייטלעך איז געווען בולט אַ שטעמפּל פון וואַרשעווער ראַבינאַט.

העשעלע מורה הוראה האָט געצוקט מיט די אַקסלען און שטיל ווי פאַר זיך אַרויסגעשטאַמלט: כשר, כשר...

— כשר! האָט דער פּריסטאַוו אַרויסגעגעבן דעם אורטייל און ווייבער האָבן ווי בינען זיך אַ לאָז געטאָן מיט די ליידיקע קוישן צו פּעסעלעס יאַטקע־קלאָץ און די באַרשעמטע פּעסעלע האָט זיך אָפּגענומען איר שאָדן פאַר דער חרפּה, וואָס ז'האָט אומזיסט און אומנישט געדאַרפט אויסשטיין פון גימעלען...

און דאָך, וואָס איז דאָ געשען?

מענטשן האָבן נישט געקענט פאַרשטיין, ס'טייטש, דאַכט זיך צווי גוטע

פרומע, כשרע אידענעס. שטייען פארן אייזערנעם טויער שוין יאָרן און יאָרן. אַלטע ליים געדענקען נאָך גיטעלען און פעסעלען, אַז זיי זענען נאָך גע־ווען קליינע מיידלעך און זענען געשמאַנען מיט זייערע מאַמעס אויפן זעל־ביקן אָרט ביים אייזערנעם טויער, ווי נעכטן וואָלט עס געווען...

איז דאָך עס טאַקע אַ חידוש. האָט מען זיך אַזוי לאַנג געחידושט ביז מ׳איז דערגאַנגען אַז די גאַנצע מעשה איז צוליב אַ שידוך.

און מעשה שהיה כך היה.

גיטעלע און פעסעלע האָבן חתונה געהאַט און ביידע מיט חסידישע יונגעלייט, באַלעבאַטישע קינדער און דערצו — לערנערס. זענען די יונגע ווייבלעך געבליבן זיצן מיט די מאַמעס פארן אייזערנעם טויער און זייערע מענער — אין שטיבל, טאַקע ביידע אין איין שטיבל.

גדליהו גיטלס און מענדל פעסלס זענען טאַקע געווען חסידים פון איין רבין, געדאַוונט און געלערנט אין זעלבן שטיבל, אַזוי ווי פאַר רער חתונה אַזוי נאָך דער חתונה.

און אַ יאָר נאָך דער חתונה איז ביי גיטעלע די פישערין אין אַ מזלדי־קער שעה געבוירן געוואָרן אַ ייִנגל און ביי פעסעלען מיט מזל, אַ מיידל... באַלד נאָכן ברית איז גיטעלעס מאַמע אוועק פון דער וועלט און איבערגע־לאָזן גיטעלען פארן אייזערנעם טויער אויף איר אָרט, כדי זי זאָל דעם אָרט איבערגעבן צו אירע קינדער און אין אַ יאָר ארום איז פעסעלעס מאַמע גע־שטאָרבן און איבערגעלאָזן פעסעלען ביים יאַטקע־קלאָץ פארן אייזערנעם טויער.

קיין טאַטעס האָבן זיי שוין לאַנג נישט געהאַט, איז פאַר זיי דער אייַ־זערנער טויער געוואָרן אַלץ, די היים, די געזעלשאַפט, אַלץ, אַלץ....

זענען די קינדער אויסגעוואַקסן נעבן די מאַמעס פארן אייזערנעם טוי־ער. גיטעלעס בן יחיד מאָטל, אַ הויכער, שיינער יונג, אַ צעלאָזענער און מיט אַ גראָבן קאָפּ.

פעסעלעס בת יחידה, שיינדל, אַ שיינע, בליענדיקע רויז. אַ שטילע, צני־עותדיקע און קלוגע. און מיט אַ וווּיל קעפּל.

ווען זיי זענען געווען קליינע קינדער, האָבן זיי זיך געשפּילט און זיך ליב געהאַט, אָבער וואָס מער זיי זענען אויסגעוואַקסן, אַלץ מער האָט זיך שיינדל דערווייטערט פון מאָטעלען. אים נישט געקאָנט פאַרטראָגן, כאָטש ער איז פאַר איר אויסגעגאַנגען.

פעסעלע האָט אויך געקוקט קרום אויפן פוסטן יונג, וואָס שאַרט זיך צו איר אוצר, איר אויג אין קאָפּ, צו איר שיינדל.

— ווי קומט ער צו איר? זי איז דאָך אַ גאָלד, אַ דימענט, אַ בריליאַנט... גיטעלע ווידער, האָט וועלטן איינגעלייגט:

— וואָס הייסט, עס שטייט איר נישט אָן דער יחסנטע?...

האָט זיך גיטעלע געקאָכט און געבעסנט און פון כעס איז געוואָרן אַ ברוגז, פון ברוגז — קרומע בליקן, פון די קרומע בליקן — שטעכווערטלעך ביז עס איז געקומען צו פעטש און צו אַ בלבול, אַז פעסעלע פאַרקויפט טריפה פלייש. די מענער, זיי האָט גאַרנישט געאַרט דער גאַנצער עסק, זיי ווי קיינמאָל גאַרנישט, זענען געזעסן און געלערנט.

— וויים איך וואָס!... האָבן זיי עס אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. איז עס באַשערט, וועט עס זיין, אַלאַ ניין, קען מען דען האָבן תרעומות?!...

מער פאַר אַלעמען, האָט דאָס אָבער געאַרט שיינדלען. זי האָט נישט געקענט צוזען דעם צער פון דעם בחור, וואָס האָט איר מיט אַן אמת ליב און די ליידן פון די מאַמעס, וואָס דאַרן און טוואַרן און עלטערן זיך פאַר דער צייט... איז איינמאָל שיינדעלע פאַרנאַכט אַהיים געקומען פון דער מאָדיסטקע, און זי האָט זיך געלערנט פאַר אַ נייטאַרין און זיך אָפּגערופן צו דער מאַמען:

— מאַמע, איך וויל חתונה האָבן!

די מאַמע האָט איר אָנגעקוקט און געשטוינט. אַזוי ווי דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז מיט דעם פוסטן קאָפּ, מיט מאָטלען... זי האָט מיט אַ ברעג פאַרטוך אָפּגעווישט אַ טרער און שטיל מיט אַ זיפץ אַ פרעג געטאָן:

— וואָס וועט זיין דער תכלית?

— איך וועל אַרבעטן, אַזוי ווי דו, מאַמע!

— און ער?

— ער וועט לערנען!

— ער!?...

— יאָ, ביי מיר וועט ער לערנען! האָט אַ זאָג געטאָן שיינדעלע מיט אַ זיכערקייט אין טאָן און אַזוי איז געבליבן.

מאַטל מיט שיינדלען האָבן חתונה געהאַט און ניטעלע מיט פּעסעלען האָבן זיך איבערגעבעטן.

און וואָס איז ווײַטער געווען?...

אַ, דאָס איז שווער, אַזוי שווער צו דערציילן!...

לאָמיר זיך בעסער אַ מינוט אַוועקזעצן מיט אראָפּגעלאָזענע קעפּ און שווײַגן...

גבאים

רב הערש־ליב, א קליין, איינגעדארט יידל מיט זיין איידים, דוקא א ייד א גיבור, האבן זיך פארנומען אז נאר זיי מוזן פירן די גרענדע אין שטעטל; נאר זיי מוזן זיין די גבאים!

יידן האבן געטענהט:

— ס'טייטש?

— יחוס? — נישט אזוי איי־איי־איי...

— גבירים? —איז דא גרעסערע!

— לומדים? — נאט אייך א שמעק טאבאק...

— טא וואס איז דא אזוי מיט זיי דער בהעלותך?

— גארנישט, א צד...

— מחותנים, איידימס, שלישי שבשלישי, קצבים, געזונטע יונגען, שלעגער; ניי הייב זיך מיט זיי אן!

פירן זיי די גרענדע.

הערש־ליב, זאגט מען, איז דוקא אמאל געווען א ווילער ייד, געקענט לערנען א בלאט גמרא, אבער פארגעסן; צייט ער האט זיך אריינגעלאזן אין די מילן, איז אוים! קיין ספר נעמט ער נישט אין האנט אריין און א כלל זאלט איר האבן, האט איר אויפגעהערט לערנען, איז אלץ פארגעסן...

דערפאר, זעט איר, זיין איידים רב שימעלע, ער האט שוין גארנישט געהאט נעבעך וואס צו פארגעסן... און דוקא אזוי, א ייד, א פארשוין, א הויכער ייד, מיט ברייטע פלייצעס, מיט שווארצע בארד און פיאות און מיט אויגן גליענדיקע און מיט א שיינעם, הויכן שטערן; אז מען זאל אים נישט קענען, וואלט מען געקענט שווערן אז דער ייד איז א בן תורה!

דערפאר אבער זאגט מען, אז נאוה האט רב שימעלע מער פארן גרעסטן

תלמיד חכם; וואָלט איר אָבער געזען ווי אַזוי ער שטייט מיטן שווער, ווי זיין ער ווערט, איינגעשרומפּן און זיין גראָבער קול ווערט באַלד אַזוי שטיל, ממש א קול דממה דקה...

און פאַרוואָס טאַקע נישט?

געווען א משרת ביי רב הערש־לייבן אין קאַנטאָר און רב הערש־לייב האָט אים אויפגעהויבן און געמאַכט פאַר א מענטשן!

קען עס רב שימעלע נישט פאַרגעסן.

„מאשפות ירום אביון".

א קלייניקייט, מען נעמט א מענטשן, מען דערהויבט אים, מען גיט אים א ווייב און מען נעמט אים אַריין אין די מילן פאַר א גלייכן שותף און מען מאַכט אים נאָך פאַר א גבאי שני...

און די מעשה, דערציילט מען, איז געווען אַזוי:

א מוצאי שבת — חנוכה האָט רב הערש־לייב פאַרבעטן אַן עולם אויף א סעודה און דער עולם איז געקומען, געגעסן געבראָטענע גענדז מיט פעטע קאַרטאָפל מיט גריוון און פאַרטרונקען מיט הייסע טיי און צוגעביסן מיט גריטשענע לאַטקעס און מבינו לבינו האָט מען געמאַכט א לחיים און עס האָבן בשעת מעשה ווי דער שטייגער, נישט געפעלט קיין שבחים פאַרן גבאי ראשון.

רופט זיך אָפּ רב הערש־לייב צום עולם בזה הלשון:

— הערט אויס רבותי, איך בין דאָך שוין א ייד ברוך השם, אויף דער עלטער, וואָלט איך וועלן האָבן מיין אײדים, שימעלען פאַר א גבאי שני...

און דערביי האָט זיך רב הערש־לייב בנעימותדיק געגלעט זיין שיטער־גרוי בערדל און געשמייכלט צום עולם.

— מסכים! — מסכים! — מסכים! האָבן זיך געהערט קולות פון אַלע זייטן און קעפּ מיט בערד און פיאות האָבן זיך געשאָקלט ווי בוימער אין א שטורעם; און באַסאָווע, סקווטשיקע און הייזעריקע קולות האָבן זיך שוין אויסגעמישט אין א טומל פון וועלכן ס'האָט זיך צעגויפגעמישט: מסכים! מיט לחיים! צוזאַמען מיטן געפינקל פון כוסות און שטילן געפליסטער פון הנאה... איז רב שימעלע, רב הערש־לייבס אײדים געוואָרן גבאי שני.

ווייַדער? ווי קען מען דען מבייש זיין דעם גבאי ראשון ביי אים אין שטוב?...

אין שטאָט איז אָבער באַלד אויף מאָרגן, אַז מ'האָט זיך דערוווּסט אַז

דער גבאי ראשון האָט ביי זיך אין שטוב, געמאַכט זיין איידים פאַרן גבאי שני, געוואָרן אַ טומל.

— ס'מייטש?

— וואָס הייסט, מען פרעגט נישט ביי קהל?!

— מען זאָל פירן גאַנץ שטאָט פאַרן נאָז?!

— האָט איר געהערט? דער מילנער — גבאי ראשון און זיין איידים, דער עם הארץ — גבאי שני!...

— מען טאָר דאָס בשום אופן נישט דערלאָזן!... מען!!

ווי נאָר ס'האָט זיך געמאַכט אַ געזעמל, ווי נאָר מען האָט אַ מויל אויפגעמאַכט, איז באַלד ארויסגעוואַקסן אַ קצב מיט אַ גלעזער באָרד און ס'איז געוואָרן שאַ־שטיל...

חברה האָט זיך אָבער געבונטעוועט אין דער שטיל, באַטש אויפן קול האָט מען געציטערט אַ וואָרט ארויסצורעדן ביז ס'איז געקומען שמחת תורה און מענדל ויינערמאַכער איז געפאַלן אויף אַ המצאה...

מענדל ויינערמאַכער, זאָלט איר ווייסן, איז געווען אין שטעטל באַ־קאַנט פאַר אַ יונגנמאַן, אַ משכיל און נישט קיין נארישער יונגערמאַן; פאַר זיינע המצאות האָבן נבאים געציטערט, אָבער אַ דעה זאָגן האָבן זיי אים ראָך נישט געלאָזט. ס'הייסט לאָזן אַ יונגמאַן אַ פּועל, אַ קבצן, זאָגן אַ דעה?...

דער דיין און די לומדישע יידן אין שטעטל האָבן אָבער גראַד יאָ גע־האַלטן פון אים.

— אַ יונגערמאַן, אַ יודע ספר; אַ בעל מידות; אַ נקי כפּימניק; נו, מילא נעבעך אַן אָרעמאַן, איז וואָס איז די חרפּה? נעמט נישט ביי קיינעם. אויף אזעלכע איז דאָך בפירוש נעזאָגט געוואָרן:

— יגיע כפּיך כי תאכל, אשרך וטוב לך!

האָט מען קודם כל אָפּגערעדט מיט יקותיאל שמש, אַ ייד, אַ זקן, אַ פּיקח, אַז ער זאָל ווייסן וואָס ער האָט צו טאָן און די רעשט וועט שוין בעזרת השם גוט זיין.

האָט מען גערופן אַן אספּה אויף חול המועד סוכות אין אַלטן בית מדרש. האָט זיך צענויפגעקליבן מנחה־צייט אַ גרויסער עולם; מען האָט געוווסט אַז עס וועט זיך טאָן...

ווייבער האָבן אַראָפּגעקוקט פון די אויבערשטע פענצטערלעך און פאַרשנורעוועט די ליפּן; זיי האָבן פאַרשטאַנען צוגלייך מיט די מענער, אַז ס'איז פע, ס'איז נישט קיין יושר...

דער שמש רב יקותיאל האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין שולחן און דער עולם האָט געראַוונט מנחה.

נאָך מנחה איז אַרויף אויפן בעלעמער דער אַלטער דיין רב שלמה,

— אין אונדזער הייליקער תורה שטייט געשריבן, אַז דער אייבערשטער האָט געזאָגט צו משה רבינו: לך ואספת את זקני ישראל, זאָגט רש"י, אַז דאָס מיינט מען נישט קיין זקנים סתם נאָר מיוחדים לישיבה, יידן וואָס מ'קען זיך מיט זיי מישב זיין, הכלל רבותי, דיו לחכימא ברמיזא...

זיך אַ גלעט געטאָן די לאַנגע שניי־ווייסע באָרד און זיך אָפּגערופן צום עולם בזה הלשון:

לאָמיר אויסקלייבן פאַר גבאים זקנים, מיוחדים לישיבה...

מיטאַמאָל האָט זיך געהערט ביי דער טיר אַ גרויסער טומל. ס'האָט זיך דערהערט אַ געשריי: — די קצבים! און שטעקנס האָבן זיך געהויבן און דער עולם האָט זיך געשטופּט צו דער טיר און פון בעלעמער האָט מען געשריגן: — חילול השם!

מ'האָט געוווּסט. אַז אַזוי וועט עס זיין, ווידען. די קצבים וועלן לאָזן?...

איז מען זיך צעגאַנגען און מ'האָט געוואַרט אויף שמחת תורה.

די ערשטע נאַכט נאָך די הקפות. האָט יקותיאל אַ קלאַפּ געטאָן אין שולחן:

— רבותי, זאָל קיינער נישט אוועקגיין ס'עט זיין אַ סעודה לכבוד די גבאים רב הערש־לייב און רב שימעלע; עס שטייען אין פּאָליש טישן מכל טוב! און דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום פּאָליש, זיך געזעצט אַרום די טישן מיט די גבאים רב הערש־לייב און רב שימעלע בראש און מ'האָט געמאַכט לחיים און נאָכאַמאָל און פאַרביסן און זיך געווינטשן: אויף אי־בעראַיאָר! יקותיאל שמש האָט דערווייל אוועקגענומען פון די גבאים דעם ניינציקער און זיי אונטערגערוקט אַ פלעשל פערציקער.

פאַרוואָס?

ווייל אדיוט קופּע בראש...

און כך הוה; אַז דער עולם איז נאָך געווען ניכטער, זענען שוין די גבאים רב הערש־לייב און רב שימעלע געווען גוט בגילופין און ערשט דאַן האָט מען אָנגעהויבן צו דערלאַנגען די גבאים כוסות.

— טרינקט רב הערש — לייב!

— טרינקט גבאי ראשון!

— טרינקט רב שימעלע!
— טרינקט גבאי שני!
— לחיים! לחיים! לחיים!

שפעט ביינאכט. דאס שטעטל שלאפט. א קיילעכיקע, בלייכע לבנה קוקט אריין דורכן פענצטער און לאכט... אין פאליש, אויף א באנק, ליגן אויסגעצויגן דער גבאי ראשון און דער גבאי שני, איינער קעגנאיבער דעם אנדערן און — — — עס חלומט זיך זיי אפילו נישט, אז קהל האט שוין אנדערע גבאים...

דינא דמלכותא!

גויים רופן די גאס: אוליצא סענאטארסקא. ווילן אבער לאמזשער יידן די גאס רופן שול־גאס; זאלן די גויים זיך רופן די גאס ווי זיי ווילן... די שול געפינט זיך אויף דער גאס, איז עס שול־גאס.

און אז מען זאגט, די שול, מיינט מען די אלטע, גרויסע שול מיט דער ישיבה, וואס האט א שם אין דער וועלט!

גייט מען פארביי די שול־גאס, צעטראגן זיך קולות פון יונגע העלדזער, קולות קלינגנדיקע ווי זילבער און גאלד־גלעקעלעך:

— אמר רב, אמר שמואל...

— אמר רב פפא...

— אמר רבא...

און אט פארגייט די זון און די שפיצן פון די מויערן ווערן באגילט און אונטן דער ברוק ווערט פארשאטנט; א קיל ווינטל בלאזט פון פעלד און ברענגט צו טראגן אין דער פארנאכטיקער שטילקייט אריין בעזדריחות און פייגל־געזאנג.

ווערן דאן די קולות אין ישיבה שטילער, אומעטיקער און לעשן זיך צוזאמען מיט די לעצטע שטראלן...

גאנצע אריסטאקראטן זיינען זיי, די לאמזשער ישיבה־בחורים, קורץ געקליידעט, זויבער און אפילו מיט קראגנס — — —

א טייל פון זיי מיט פיאות צוגעשניטן ביזן ביין.

און גארנישט קיין אומעטיקע; א טייל פון זיי גאר שארפע ליצנים, דערפאר אבער — לומדים, מתמידים!

ווען די שטאט איז איינגעהילט אין חושך און די בלאסע לבנה קוקט אראפ פון הימל און באטראכט די שטילע שטאט, וואס אטעמט מיט שלאף און וויל שוין אוועקשווימען פון דער אומעטיקער שטילקייט, בלייבט זי

מיטאמאָל, שטיין פאר א פענצטער פון דער ישיבה, פון וואַנען ס'לייכט זיך א מידער, מאַטער שיין און עס טראָגט זיך א שטיל, אומעטיק, זים געזאַנג:

— שלא יהא דבורך של שבת כדבורך של חול...

און עס זעט די לבנה עטלעכע שאָטנס אויפן וואַנט דורכן פענצטער שאָקלען זיך און זי רופט די שטערן די פינקלדיקע און אויך זיי קוקן דורכן פענצטער, כאַפּן אויף דעם געזאַנג און זינגען מיט...

א לאַמושער בעל הבית כאַפּט זיך אויף פון שלאָף. וואַשט אָפּ נעגל־וואַסער, כאַפּט אויף זיך א כאַלאַט און אויף שפּיצן פינגער נישט אויפצו־וועקן די בני בית, כאַפּט ער זיך אַראָפּ אין ישיבה אַריין אָפּצוזיכטן תיקון חצות.

דער ייִד איז הויך און גלייך ווי א סאסנע. א הויכער שטערן, טיפע, שוואַרצע, קלוגע אויגן; אַזעלכע מילדע, שמייכלענדיקע אויגן — סינדערי־שע אויגן — א מאַטאָווע בלאַס פּנים אַרומגענומען מיט א געדיכטער, שוואַרצער באָרד.

גייט אים אַנטקעגן דעם גרייז־גרויער רב.

— רב יעקב...

— רבי...

רב יעקב קוקט אין הימל אַריין און זיינע דינע ליפּן שעפּטשען:

— השמים מספרים כבוד אל — ענטפערט דער רב:

— לילה ללילה יחוה דעת...

און אַזוי שמועסן זיך אַדורך די צוויי לומדים און נאָכפּאַרכטיקע ייִדן ביז וואַנען זיי קומען אין ישיבה אַריין, וואַשן זיך די הענט און זעצן זיך צום תיקון. די ישיבה־בחורים, וואָס האָבן א משמר, שטייען צו און... צוויי טויזנט יעריקער פּיין רייסט זיך צום הימל.

איינער פון די משמרניקעס איז רב יעקבס עלטסטער זון בן ציון, א מוראַדיקער שווינגער, א לערנער — א מתמיד און דערצו — אַן עילוי!

אַז דער טאַטע מיטן זון קומען אַהיים אַנביים, קוקט זיך די מאַמע איין אין איר זונס צעקנייטשטן פּנים און זיפצט שווער אָפּ, פאַרלייגנדיק די הענט און אויסבייגנדיק דעם קאָפּ אויף א זייט.

— יענקעלע וואָס וועט זיין?

שעפּטשעט זי פּרום צו איר מאַן.

און רב יעקב רייסט אָפּ די אויגן פון ספר, וואָס ליגט פאַר אים גרייט, מעיין צו זיין, נאָך איידער ער האָט אויסגעטרונקען די טיי מיטן צובייסן...

— זאָרג נישט, פייגל, דער זיווג וועט אם ירצה השם קומען...

— ער דארף באלד שטיין צום פריזיוו...

— א, דאס מיינסטו? פארטראכט זיך א וויל, צופט אוים א גרויע האר פון דער שווארצער בארד, זיפצט שווער אפ און זאגט צום ווייב פעסט און אנטשלאסן:

— דינא דמלכותא!

פייגל ענטפערט נארנישט, קענן מאן וועט זי נישט גיין און אט הערט זי דאך, אז דינא דמלכותא!

אז בן ציון איז אוועק דינען, האט דער טאטע, א קרוב למלכות, אויסגע־פועלט, אז זיין זון זאל דינען אין לאמזשע גופא; מען זאל אים חלילה נישט פארשיקן ערגעץ; ער זאל קענען אהיים קומען, דריי מאל אין טאג און עסן אין שטוב און אזוי איז געווען.

רב יעקב לערנט יומם ולילה; נאר עטלעכע שעה אין טאג זיצט ער אין קאנטאר און פירט די געשעפטן; ער האלט מענטשן, וואס פירן דעם פאר־ריאד, אבער, אז מען דארף רעדן מיט נאטשאלסטווא, אז עס קומט א פאל־קאווניק, צי א גענעראל, שיקט מען רב יעקבן רופן פון בית מדרש און רב יעקב לייגט אריין א פאטשיילע אין ספר, גלייכט אוים די בארד און גייט; פרנסה!

מאכט זיך א מעשה:

איז אראפגעקומען דער קאמאנדיר פון דראגונער־פאלק, א גוי, א יחסן, איינער פון דור דורות אפיצירן, פון די אלטע דוואריאנעס; א גוי, א ריז, מיט א ברייטער ווייסער בארד און מיט בלויע, קלוגע אויגן.

מיט רב יעקבן אלטע ידידים; זיצט מען נאכן מסחר און מ'שמועסט.

מיטאמאל קומט אריין דער קאלעקטאר, יששכר א ייד א קליין נעוויקסיקער; מיט אן אויסגעוואקסענער קאפאטע; רב יעקב ווייסט, אז יששכר איז א ייד אן ארעמאן, א קבצן אין זיבן פאלעס.

נעמט רב יעקב ארוים פון טייסטער א זילבערנעם רובל און קויפט א צעטל.

— ס'וועט זיין שותפות, מאכט ער צום פאלקאווניק און דער גוי לאכט און מאכט אוועק מיט דער האנט...

אין אכט טאג ארום קריגט דער פאלקאווניק א סראטשנע טעלעגראמע:

— פריעזשייטיע ניעמעדלעננא!

דער גוי רייבט זיך דעם שטערן און קאן בשום אופן נישט פארשטיין, וואס דא קומט פאר; א טעלעגראמע...

פאַרפאַלן — — — נעכאַפּט דעם שנעל־צוג און קומט צופאָרן.

רב יעקב בעט אים זיצן און ציילט אים אויס אויפן טיש פינף טויזנט רובל.

דער גוי רייבט זיך דעם שטערן, גלאָצט מיט די אויגן און שעפּטשעט מיט א פאַרהאַקטן אָטעם:

— א עטא משטא?

— אונדזער צעטל האָט געווונען צען טויזנט רובל...

דער גוי דערמאָנט זיך:

— א, צעטל, נו, דיין צעטל!...

— ניין, גאָספּאָדין פּאָלקאָווניק איך האָב געזאָגט שותפות און פּאָז־וואָלטיע, פּופּציק קאָפּיקעס, איר זענט א שותף.

דער גוי צלמט זיך, נישט געזען אזא ערלעכן, נישט ביי קריסטן...

דער פּאָלקאָווניק ווערט נאַטשאַלניק פון שטאָט.

דערוויסט זיך זעלדע די אלמנה און קומט בעטן טובות.

רב יעקב הערט — ס'איז קעגן דעם דין פון מלכות, זיפצט ער שווער אָפּ, לאָזט אראָפּ די הענט אין אָנמאַכט און זיינע ליפּן שעפּטשען:

— דינא דמלכותא!

זעלדע די אלמנה שמוגלט פּריישישן טיי. איר בימערע פּרנסה. האָט מען געמסרט. מען זוכט, מען מאַכט אביסקעס... קומט זי צו פייגלען:

האָט רחמנות, פייגעלע קרוין, באַהאַלט מיר די ביסל „חמץ", ביי אייך וועט מען דאָך נישט זוכן...

האָט פייגל רחמנות און באַהאַלט.

אין דער זעלבער נאַכט גייט ארום דער נאַטשאַלניק אליין מיט פּאַ־ליציי, מ'גייט און מען לאָזט נישט דורך קיין שטוב.

שטייט דער נאַטשאַלניק פאַרן טיר פון רב יעקבס שטוב; פרעגט דעם דוואָרניק:

— דאָ ווער וווינט?

— יאַנקל זיסקינד?

— נו, משעסטני טשעלאָוויעק!... און גייט אַוועק...

אויף מאָרגן דערוויסט זיך רב יעקב די גאַנצע מעשה און רעדט אויס זיין ווייב.

— טאָקע א רחמנות, אָבער מ'טאָר נישט, פיינעלע, מ'טאָר נישט, דינא דמלכותא!

— פאַרשטייסט. דינא דמלכותא!

דער ניגון פון די הקפות

דריי זענען געגאַנגען אויף דזיקע גאַס אין וואַרשע. פון איין זייט, איי־נער מיט אַ טוכן היטל און מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע; פון דער אַנדערער זייט, איינער מיט אַ טוכן היטל און מיט אַ געהאַקטער קאַפּאָטע און אין מיטן — איינער, אינגאַנצן קורץ געקליידעט, מיט אַ האַרטן קאַפּעליוש אויפן קאָפּ; אַ ליטוואַק, אַ מתנגד.

די צוויי מיט די קאַפּאָטעס זענען שוין אויך קיין חסידים נישט גע־ווען; ערשט נעכטן געדאַווענט אין שטיבל, אָבער מער נישט; די קאַפּאָטע איז געבליבן אויף דערווייל, בלויז אַ סימן פון דעם נעכטיקן חסיד...

איבער זיי איז געהאַנגען אַ גרויער הימל אַזוי נידעריק, אָט־אָט זיך צעקוועטשן און אַ קאַלטער האַרבסט־ווינט האָט געשמיסן אויף צוריק. זענען אָבער די דריי מיט די טלית־זעק אונטער די אָרעמס עקשנותדיק גע־גאַנגען האָפּערדיק פאָרויס...

די צוויי פון די זייטן האָבן זיך געדוצט און זיך גערופן: מענדל, וועלוול, אָבער דעם ליטוואַק, כאָטש אויף זיין פּנים האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אויס־שיטן אַ זאַראָסט, האָבן זיי געאײרצט און גערופן:

רב יצחק!

— וואָס זאָגסטו וועלוול, וועגן זין פון די הקפות?

— וואָס זאָל איך זאָגן, מענדל?

— וואָס זאָגט איר, רב יצחק?

דער ליטוואַק איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין פאַרטראַכט, דעם קאַפּעליוש אַרויפגערוקט הויך איבערן שטערן און זיך אָפּגערופן:

— אין די הקפות ליגט דער זין פון אונדזער קיום. מיר דרייען זיך כסדר אין אַ ראָד.

— א ראָד ענדיקט זיך קיינמאָל נישט. מיר וועלן זיך אויך קיינמאָל נישט ענדיקן...

פון אַלע זייטן האָבן זיך באוויזן יידן, מיט קאַפּאָטעס און יידן קורץ־געקליידעטע; יידן מיט לאַנג־צעוואַקסענע בערד און יידן מיט קורץ־צוגע־שוירענע בערדלעך — אַלע מיט טלית זעק אונטער די אָרעמס און אָרום זיי — קינדער מיט פאָנען.

— גוט יום־טוב!... גוט יוב־טוב! און דער ווינט האָט ווייט, ווייט אַרום צעטראָגן דעם אָפּערדריקן „גוט יום טוב".

נאָר איינער אין גאַס איז געשטאַנען אַן אָנגעכמורעטער, ווי דער גרוי־ער הימל און א בייזער, ווי דער קאַלטער ווינט.

אַנטקעגן דער וואָיענער טורמע איז געשטאַנען זאכאר גאַראַדאַוואַי און זיך געריבן די וואַסערדיקע אייגעלעך, אין וועלכע דער ווינט האָט אָנגעטרי־בן שטויב. זיין גרויסע רוסישע פוראַזשקע האָט זיך אויף זיין שפּיציקן קאָפּ פאַרדרייט אויף איין זייט און זיין לאַנגע, בלאַנדע באָרד איז פאַרווייט געוואָרן אויף דער אַנדערער זייט און זאכאר האָט געהאַלטן אין איין וואָרטשען אונטערן נאָז:

— זשידי!... זשידאָווסקי קאַהאַל!...

מיטאַמאָל האָט זיך פון א זייטיקער גאַס דערהערט א שאַרפער פייף און א געוואַלד:

— א גנב! — זלאַדזיי! — וואָר!...

— גאַראַדאַוואַי!...

זאכאר גאַראַדאַוואַי, ווי פון שלאָף אויפגעכאַפּט זיך, האָט באַקומען קור־ראַזש, זיך א ריס געטאָן פון אָרט, אַרויפגעכאַפּט זיך אויף א דורכלויפנדיקער דראָזשקע און מיט אימפּעט און ירגזון האָט ער געטריבן די דראָזשקע אין דער ריכטונג פון דעם אַנטרונענעם גנב און אָט האָט ער אים דערגרייכט. אַראָפּגעשפּרונגען פון דראָזשקע און געכאַפּט דעם גנב פאַרן גאָרגל, דאַן שאַרף אים אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין און אַרויסגעוואָרטשעט:

— זשיד! און באַלד אויפגעהויבן אויף אים די שאַשקע.

אַרום האָט זיך אויפגעקליבן א געזעמל.

מ'האָט געמורמלט:

— דער גנב האָט נעפרווווט האַקן א שלאָס פון א פאַרמאַכט יידיש געשעפט...

— א ייד טאַקע...

— אַ חרפּה...

— זאָכאַר וועט זיך שוין נוקם זיין, פון דעם גנבס קאָפּ איז שוין געררונען בלוט.

גאַראַדאַוואַיעס זענען ווי פון דער ערד אויסגעוואַקסן, הויכע, ביינער־דיקע, מיט אויגן ווילדע, פּנימער פאַרפלאַמטע; סאַפּנדיק פון כעס און רציחה האָבן זיי זיך געוואָרפן אויפן געזעמל:

— ראַזאַיטיס!... און שאַשקעס האָבן געפּאַכעט אין דער לופטן און ווער עס האָט געכאַפּט מיט דער שאַשקע איבערן קאָפּ; ווער — אַ זעץ מיט אַ קולאַק איבערן פּלייצע; ווער — אַ בריק אין הינטן מיט אַ שווערן שטיוול... באַלד איז פון געזעמל קיינער נישט געבליבן. און די דריי זענען געגאַנגען ווייטער.

— וואָס זאָגסטו, מענדל?

— וואָס זאָל איך זאָגן, וועלוול, אם במחתרת ימצא הגנב... נו, איז... דמו בראשו... — ניין, ניין האָט פּראָטעסטירט דער ליטוואַק, ניין, איר האָט אַ טעות; זאָכאַר גאַראַדאַוואַי האָט דאָ נישט געזוכט דעם דין... ניין, נישט דעם דין!...

— האָט איר דען נישט געזען, ווי אין אים האָבן זיך צעברענט זיינע בלוטן, אַז ער האָט נאָר דערזען, אַז דער גנב איז אַ ייד?!...

— זאָכאַר גאַראַדאַוואַי האָט זיך געקילט מיט יידיש בלוט!...

די דריי זענען ווייטער געגאַנגען פאַרטיפט אין שווערע מחשבות.

— פאַרשטערט דעם יום־טוב...

אַרום זיי זענען יידן געגאַנגען מיט די קעפּ צו דער ערד אַראָפּגעלאָזטע, ווי אבלים.

מענדל האָט מיטאַמאָל איבערגעריסן די שטילקייט:

— וועלוול, פאַרוואָס האָט מען אונדז פיינט, פאַר דער תורה, אַ!?

— האָט מען דען אונדז די תורה נישט געגעבן באַונס?

— אוודאי מענדל, אַ באַרג איז אונדז געהאָנגען איבער די קעפּ...

— ניין, האָט ווידער שאַרף פּראָטעסטירט דער ליטוואַק, מ'האָט אונדז טאַקע געגעבן די תורה באונס, אָבער וויפל טויזנטער יאָרן זענען שוין אַריבער; וויפל האָט מען אונדז געברענט און געבראָטן; געפּייניקט, גערודפט, געפּלאָגט און פּאָגראָמירט!

— נו, האָבן מיר זיך אָפּגעזאָגט פון אונדזער תורה!?...

— איז עס באונס צי ברצון!?

—ברצון, ברצון — האָבן מענדל און וועלוול צוגעשטימט און מענדל האָט צוגעגעבן:

— ברצון, מיט אונדזער ווילן... מיר זענען מקבל באהבה אַלע יסורים, ווייל מיר ווילן זיך האַלטן ביי אונדזער תורה!

דער ליטוואַק איז אַ ווײַלע שטיין געבליבן מיט זיינע בלויע בליקן געווענדעט צום גרויעם הימל, ווי ער וואָלט וועלן מיט דער בלויקייט פון זיינע בליקן צעריייסן די גרויקייט פון הימל...

— רבונו של עולם! האָבן זיינע ליפּן געשעפּטשעט — וויפל מיר האָבן זיך שוין מוסר נפש געווען פאַר דיין תורה; דורך וויפל בלוטיקע ימען איז אונדז שוין אויסגעקומען צו שווימען!...

— גיב אונדז כוח, גאָטעניו!...

אַ ווײַלע האָט געהערשט אַ גרויע שטילקייט. באַלד האָט אָבער מענדל דערשפּירט, אַז מיט אַ האַלבער שעה צוריק, ביי די הקפות, האָט ער גענומען משקה און זיינע בלוטן האָבן זיך צעוואַרעמט און ער האָט פאַרצויגן אַ ני־גון, פריער שטיל, דערנאָך העכער, העכער...

האָט וועלוול אונטערגעכאַפּט דעם ניגון און דער ליטוואַק, דער קאַלטער מתנגד האָט זיך אויך צעוואַרעמט און אונטערגעהאַלטן:

— וטהר לבנו...

לבנו...

— וטהר לבנו...

לבנו...

וטהר לבנו לעבדך באמת...

אוי אוי, אוי אוי אוי...

יידן זענען אָנגעקומען און האָבן אונטערגעכאַפּט דעם נגון:

— לעבדך באמת...

אוי אוי, אוי אוי אוי...

אויף סמאָטשע גאַס זענען די דריי זיך צעגאַנגען און יעדער איינער האָט באַגעגנט יידן, וואָס האָבן געצויגן דעם ניגון:

— וטהר לבנו לעבדך באמת!...

און דער ניגון האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן און צעריסן די גרויע וואָלקנס.

אַ יאָר איז אַוועק און די הקפות האָבן זיך ווייטער געדרייט אין ראָד און די דריי זענען ווייטער געגאַנגען און האָבן געצויגן דעם ניגון.

דער ניגון האָט זיך אויפגעהויבן הויך, הויך און איז געבליבן הענגען אין דער לופטן...

זעליק שולמאן.

דער פראסט האט געסמאליעט.

דער שניי איז געווארן פארהארטעוועט און האט געסקריפעט אונ־טער די פיס. זעליק שולמאן האט געשפאנט פון וואקזאל מיט א וואליזקע אין זיין רעכטער האנט און זיין לינקע האנט האט ער באוויזן צום טאקט פון זיינע טריט.

אנגעפעלצט, מיט א קראקולן הימל אויפן קאפ און מיט ווילעקעס אויף די פיס, האט ער נישט געשפירט די קעלט.

פון צייט צו צייט האט ער ארויסגעלאזט א ווארעמען אטעם און א ביסל דערוואַרעמט די קאלטע לופט ארום זיך.

זיין בלאנד בערדל איז געווען פארשנייט און האט אויסגעזען גרוי. באלד וועט ער זיין אין דער היים.

אריין אין טויער, אראפגעשטעלט די וואליזקע; מיט די באהענטש־קעטע הענט אפגעטרייסלט דעם שניי פון בערדל (זאל זיך ס׳ווייב נישט דערשרעקן...) און מיט פלינקע טריט ארויף אויף די טרעפ, וואס פירן צום דריטן שטאק, וו זיין שווער האט געוווינט.

(אוועק אויף דער רייזע, האט ער ס׳ווייב מיטן קינד געלאזן ביים שווער).

אויפן ערשטן שטאק זיך אפגעשטעלט, אראפגעלאזט די וואליזקע און זיך פארטראכט:

— שוין דריי חדשים פון דער היים.

— די ביטערע פרנסה... און אלץ איבערן „אלטן תרח"... צוגעזאגט נדן און דערנאך ארויסגעשטעלט א פייג...

נו, — מילא, מוחל, זעליק שולמאן וועט זיך אן עצה געבן... זעליק שולמאן דארף נישט קיין נדן...

א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, מונטער א כאַפּ געטאָן די וואַליזקע און פלינק ווי א קאַץ ארויף אויפן דריטן שטאָק.

אָנגעקלונגען.

קיינער ענטפערט נישט.

נאָכאַמאָל.

שאַ־שטיל...

געריסן דעם גלאָק מיט גאַנצן כוח.

— אין קול ואין עונה

פּאַמעלעך האָט זיך דערווייל געעפנט א שכנותדיקע טיר און חיה־שרה די שכנטע האָט געשעפּטשעט פון טיר ארויס:

— זעליק... זעליק...

זעליק האָט זיך האַסטיק אומגעדרייט.

— הא, וואָס איז?...

דיין ווייב מיטן קינד איז אין דער היים...

די שכנטע חיה־שרה האָט נאָך געקענט זעליקן בחורוויז; פלעגט צו אים שמייכלען און אמאָל טאַקע לאַכן און גאָר אָנקוועלן פון זיינע וויצן. איז איצט געשטאַנען אַן ערנסטע און בסדר געשעפּטשעט:

— דיין ווייב מיטן קינד איז אין דער היים...

— און דער שווער? האָט זיך זעליק, ווי פון שלאָף אויפגעכאַפּט.

— דער שווער?...

— יאָ, דער שווער...

—ברוך דיין אמת...

זעליקן איז די וואַליזקע ארויסגעפאַלן פון האַנט.

ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים איז ער געפאַלן אויפן ראַם פון פענצטער און געהעשעט:

— טאַטע... טאַטע...

שכנים זענען זיך צענויפגעקומען; מ׳האָט זעליקן אריינגענומען אין א שטוב, פון אים אראָפּגעצויגן די שווערע מלבושים, די ווילעקעס, די הענטשקעס; געזעצט קעגנאיבער אַן אויסגעהייצטן אויוון און מ׳האָט אים געטרייסט:

— ברוך דיין אמת.

— ה׳ נתן ה׳ לקח.

— געווען א זקן, א בן שבעים.

— געלאָזט אַ גרויסע ירושה.
— אַלץ געלאָזט פאַר דער בת יחידה...
זעליק האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער הויך, אויסגעשפּרייט די הענט און אויסגערופן:
— הערט יידן!
— איך דאַרף נישט קיין ירושה!
— נישט געדאַרפט קיין נדן ביים לעבן און דאַרף נישט קיין ירושה נאָכן טויט!
— די גאַנצע ירושה פאַר אַ בית יתומים לזכר נשמת חותני רב זאַנ־וועלע, זכר צדיק לברכה!
— אַזוי האָט באַשטימט זעליק שולמאַן און איר יידן, זענט עדות! שכנים האָבן באַגלייט זעליקן אַהיים.
דאָס יונג ווייבל איז געשטאַנען פאַר אים אַ פאַרשטיינערטע; רויטע אויגן, בלויע ליפּן און אַ בלוזקע אַן אויפגעריסענע...
ס'קינד האָט זיך געטוליעט צו דער מאַמעס קלייד און אַפּערגעקוקט אויפן טאַטן מיט צאַפּלדיקע אויגן.
— כ'וויים שוין חנהלע, האָט אייזיק טרויעריק געשעפּטשעט און אַריינ־קוקנדיק דעם ווייב אין די אויגן אַריין צוגעגעבן:
די גאַנצע ירושה האָב איך אַוועקגעגעבן פאַר אַ בית יתומים לזכר נשמת חותני ואבי, רב זאַנוועלע זכר צדיק לברכה... די יידן זענען עדות!
דאָס ווייב האָט געבראָכן די הענט און פרום צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:
— אָמן.
און דאָס צוויי־יעריק גיטעלע האָט נאָכגעזאָגט:
— אָמן... אָמן... אָמן...
— און איצט, האָט זעליק גערעדט צו זיך, זיצנדיק אויפן שטול מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אויפן ברוסט — און איצט זעליק, רו זיך נאָר אַ ביסעלע אויס, עטלעכע טעג בלויז און ווידער אין וועג אַריין!... ווידער געהאַוועט!... פּרנסה!... קריעת ים סוף!...
— זייט וויסן, יידן, אַז איך בין זעליק שולמאַן, אַ ייד מיט בטחון!
— דאַכט זיך, מיטן רבונו של עולם עפּעס אַ שטיקל מחותן, האַ!?
— זאָג איך אייך, יידן, אַז מען וועט וויסן אין הימל, ווער ס'איז זעליק שולמאַן, מען ווייסט!...

דרי מעלה און דרי מטה.

אז יצחק זוסמאן איז דעם ערשטן מאָל געקומען קיין ווארשע, האָט און אויסטערלישער בליאסק א בלענד געטאָן זיינע אויגן.

א שטאָט מיט אזא צעפראַלט לעבן האָט ער נאָך אין זיין דמיון נישט געזען. אָנגעקומען שפעט ביינאכט און דערזען א שטאָט פול מיט ליכט און באוועגונג ווי אין מיטן טאָג...

ווו זיין אויג איז געפאַלן, האָט ער נאָר געזען פראכט און לוקסוס.

דאָס איז געווען דער ערשטער איינדרוק אָבער אינגיכן האָט ער זיך ארומגעזען, אז עס איז נישט אזוי און כאָטש ער האָט עס נישט דערפילט אויף זיין אייגענער הויט, דאָך — זיך באגעגנט פנים אל פנים מיט נויט...

געבוירן אין א קליין שטעטל אויפן נארעוו נישט ווייט פון דער רו־סישער גרענעץ ביי א טאטן א בעל מלאכה, האָט איציק זיך געהאָרעוועט אין אָרעמקייט, דערפאר אָבער זיך פארהארטעוועט און זיך צוגעוווינט צו א שווער לעבן.

זיין טאטע משה־בער איז געווען א קאַזשעווניק און זיין לעדער־אר־בעט האָט געהאט א שם; וואָס איז אָבער די פעולה? א בעל מלאכה...

די מאמע זיינע, חיה גיטל די אשת חיל האָט מען איר גערופן, האָט געפירט שטאָט, אז מ'זאָל חלילה נישט דערקענען דעם דלות...

ווי ביי א בעל מלאכה, האָבן זיך געהאָרעוועט קינדער מיט שווערע קעפלעך צום לערנען, דערפאר אָבער מיט גאָלדענע הענטלעך צו דער אר־בעט; זענען זיי אויסגעוואקסן גילדערנע בעלי מלאכות. איציק איז אָבער געווען אנדערש פון זיינע ברידער. זיינע הענטלעך האָבן זיך נישט גע־קלעפט צו קיין ארבעט, דערפאר אָבער ס'קעפל — פלאם־פייער!

ביז צען יאָר געלערנט אין שטעטל, יעדן זמן ביי אַן אַנדער מלמד ביז ס'האָבן זיך אויסגעלאָזט די מלמדים...

און וואָס האָבן מלמדים אין אַ שטעטל געהאַט צו טאָן מיט אַ יינגל, וואָס האָט שוין פאַר זיך געקענט לערנען אַ בלאַט גמרא מיט תוספות? איז געבליבן, אַז מען זאָל איציקן אוועקשיקן קיין לאָמושע. לאָמושער ישיבה האָט אַ שם און די שטאָט איז אַ לומדישע און ס'איז נישט ווייט.

און כך הווה.

אַז אין לאָמושער ישיבה האָט מען דערזען אַ פּאַרשוין, קליין און דאַר ווי אַ שפּאָן און דערצו אַ שעמעוודיקער מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, האָט מען זיך צעשמייכלט:

— אויך אַ מענטש...

און זיין נאָמען אין ישיבה איז געבליבן „אויך אַ מענטש".

אינגיכן האָבן זיך אָבער די ישיבה־בחורים אַרומגעזען, אַז „אויך אַ מענטש" וואַקסט אַ לייט און שטייגט איבער די גרויסע, האָט מען זיך אָנגעהויבן סודען: — אַ עלוי... און ביסלעכווייז האָט זיך דער סוד צעטראָגן איבער דער ישיבה און פון דער ישיבה אַרויס איבערן שטאָט און מ'האָט אָנגעהויבן אין שטאָט צו שמועסן, אַז אין ישיבה איז אָנגעקומען אַ עלוי.

זענען שיינע בעלי בתים, לומדים געקומען פאַרהערן דעם עלוי.

יידן סתם, נישט קיין לומדים, זענען געקומען אָנקוקן דעם עלוי; אפי־לו ווייבער און מיידלעך האָבן זיך פאַרגנבעט הינטערן פענצטער פון ישיבה כאַפּן אַ קוק אויפן עלוי און זייערע ליפּן האָבן געשעפּטשעט:

„די שכינה רוט אויף אים".

צו פופצן יאָר האָט שוין יצחק געשעמט פאַר אַ למדן און מ'האָט אים שוין נעדאַרפט געבן סמיכה, אָבער ווי גיט מען עס סמיכה אַ יינגל פון פופצן יאָר?... איז געבליבן ער זאָל לערנען דריי יאָר פאַר זיך און לערנען מעג ער, וואָס ער וויל, אפילו קבלה... האָט ער געלערנט און ס'האָט אים קיינער נישט בודק געווען; אַזוי האָט מען בפירוש פאַרזאָגט.

דער עלוי מעג.

צו אַכטן יאָר האָט שוין יצחק זוסמאַן גענומען סמיכה, אָבער וועגן זיין אַ רב האָט ער גאָר נישט געטראַכט.

קענען, פארוואס נישט? אבער מאכן פון דער תורה א קרדום לחפור בה, דאס נישט! און וואס איז ער אליין, א בן הרב? און וואס איז זיך דא צו שעמען מיט א מלאכה? וואס איז דען געווען רבי הלל הנשיא? און רבי יוחנן הסנדלר? און יצחק נפחא?

און ער האט אפגעמאכט ביי זיך איין מאל פאר אלע מאל. ניין, ער וועט קיין רב נישט זיין!

„אהב את המלאכה ושנא את הרבנות!"

האבן גראד אין יענער צייט ישיבה־בחורים געלערנט בוכהאלטעריע פון העפטלעך, וואס זיי האבן אויסגעשריבן פון ווארשע; האט ער מיטגע־לערנט און אין זעקס חדשים זיך אויסגעלערנט די נייע תורה; האט ער גע־טראכט וועגן לערנען ווייטער, האט זיך דערוויל געמאכט א שידוך מיט א טאכטער פון א גביר און למדן און גראד א יפת תואר, האט ער זיך פאר־טראכט: „מצא אשה, מצא טוב" און דער שווער דער גביר האט געשטעלט א חתונה כיד המלך און גאנץ שטאט און דעם חתנס מאטע־מאמע מיט דער גאנצער משפחה, מיט א האלב שטעטל זענען געקומען צו דער חתונה.

מאכט דער איידעם צום שווער א וואך נאך דער חתונה אזוי:

—כ'האב בדעה צו פארן קיין ווארשע, מחמת ווי כ'האב געהערט, איז ווארשע א כרך און דארט זענען דא גרויסע פירמעס און ווי דער שווער וויס, בין איך דאך א בוכהאלטער...

דער שווער האט א מאך געטאן מיט דער האנט און אים אריינגערופן אין קאנטאר און אים געבעטן זיצן.

דער שווער האט שווייגנדיק, זיך געגלעט די לאנגע, שווארץ־סאמע־טענע בארד. האלב־פארמאכט די טיפע, קלוגע אויגן און דאן עטלעכע מאל איבערגעחזרט פארמוחט: ווארשע... ווארשע... ווארשע... און אפפנעזיפצט.

דער איידעם איז געזעסן אנטקעגן שווער און געציטערט ווי א בלאט אין אלול... מיטאמאל האט דער שווער זיך צוגעזעצט צום שרייב־טיש און גענומען שרייבן. אפגעשריבן, אריינגעלייגט דאס בוינעלע פאפיר אין א קאנווערט און אנגעשריבן: „לידידי היקר הנגיד המפורסם רבי רפאל שע־רעשעווסקי, נ"י" און פארקלעפט דעם קאנווערט, אפגעציילט אויפן טיש הונדערט זילבערנע רובל און אזוי זיך אפגערופן:

— נא, יצחק, נעם די הונדערט רובל, פאר און זיי מצליח און זיי א

ייך; און מיין עצה איז, אז דערוויַיל זאָלסטו פאַרן אַליין און אז דו וועסט אם ירצה השם קריגן א שטעלע, זאָלסטו שרייבן, וועל איך דיר שיקן מיין חנהלען.

און מיט דעם בריוו זאָלסטו גיין צו רפאל שערעשעווסקין. און השם יתברך וועט העלפן.

ביי די לעצטע ווערטער האָט דער שווער זיך אָפּגעקערט אין א זייט און מיט דער רויטער פאַטשיילע זיך געווישט א טרער.

שטייט יצחק זוסמאַן אויף די טרעפּ פון ווינער וואקזאל און מיט די אויגן זויפט ער ווי א שיכור די פּראַכט פון וואַרשע ביינאַכט.

ער איז אַזוי פאַרמוחט, אז ער פילט אפילו נישט אז ער איז אַרומ־גערינגלט פון דראָזשקאַרעס און טרעגערס, וואָס רויַשן אים אין די אויערן אריין, רייסן פון אים די פּעקלעך; איינער האלט שוין אפילו זיין מאַנטל אין האַנט און אַט זיצט ער שוין אין א דראָזשקע, וואָס פירט אים אויף די פראַנציסקאַנער גאַס אין א יידישן גאַסט־הויז אריין

איבערגענעכטיקט און אויף צו־מאָרגנס זיך דערפרעגט צו שערע־שעווסקים באַנק. נישט ווייט פון דעם אייזערנעם טויער; איז אָבער דער באַנקיר אין לאָנדאָן און ער קומט צוריק ערשט אין צוויי וואָכן אַרום.

שפּאַנט יצחק זוסמאַן איבער די וואַרשעווער גאַסן און זעט דוקא נישט קיין עשירות, נאָר נויט... נויט... נויט... אונטער די גרויסע, ליכטיקע פּאַלאַצן — פינצטערע, פייכטע קעלער־שטובן, ווו קינדער וויינען: — מאַמע, ברויט!

און א מאַמע זיצט אויף א קליין בענקעלע, ברעכט די הענט און וויינט מיט א זינגעדיקן ניגון: — ווו זאָל איך דיר נעמען ברויט, אז דיין טאַטע איז טויט...

דעם פּנים פאַרשטעלט אריינגעוואָרפן אין קעלער אריין א בינטל זילבערנע רובלס און אַנטלאָפן...

ווייטער הערט ער פון א קעלערל קרעכצן; פאַרוויקלט עטלעכע רובלס אין א פּאַפּירל, אריינגעוואָרפן און געשווינדט אוועק...

איינמאָל האָט ער געזען פון א קעלערל אַרויסטראָגן א בר מינן און מענטשן האָבן זיך געסודעט:

— פון הונגער...

— פון נויט...

— פון עלנד...

און א ווארימע זון האָט מיט אירע שטראַלן געגלעט און געלאַשטשעט די פּאַלאַצן און קיין איינציקן שטראַל נישט פאַרגונען אונטן אין די קעלער־שטובן... ס'איז געווען אַנהייב־פרילינג, אויפן הארצן איז אים אָבער געווען הארבסטיק און די זון האָט געררייצט.

ער האָט שוין געטראַכט: — אַנטלויפן פון דעם גרויס־שטאָטישן עלנד, פון דער נויט; ניין! האָט אים אַן אַנדער מחשבה אונטערגעזאָגט: — בלייב דאָ, שטאַרק זיך און שטאַרק די שוואַכע אַראָפּגעלאָזטע הענט; ביסט א שליח!

„חזקו ידים רפות וברכים כשלות אמצו!"

אז רפאל שערעשעווסקי איז צוריקגעקומען פון לאָנדאָן האָט ער מיט פאָטערלעכער ווארעמקייט אויפגענומען דעם איידעם פון זיין לאַמ־זשער ידיד, איבערגעלייענט דעם בריוו, געגלעט דאָס גרוי, שפּיציק בערדל און זיך אָפּגערופן:

— יונגערמאַן, איר זאָלט נישט זאָרגן, מען ווערט נישט פאַרלוירן. און מיט א שמייכל צוגעגעבן: כ'וועל אייך געבן א בריוו...

און אז יצחק זוסמאַן האָט דערציילט וועגן דער נויט וואָס ער האָט געזען, האָט דער באַנקיר מיט באַדויערן געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— יאָ, אמת, א סך נויט, מען דאַרף העלפן, מען קומט צו מיר אַלע טאָג, כ'טו וויפל כ'קען, ס'איז ווייניק כ"ווייס, מען דאַרף העלפן...

יצחק זוסמאַן איז געוואָרן א בוכהאַלטער אין מענדעזשיצקיס לאַמ־פּן־געשעפט. געדונגען א דירה, אַראָפּגענומען ס'ווייב און אָנגעהויבן טראַכ־טן וועגן תכלית און תכלית האָט געהייסן, ווי אין פּסוק שטייט:

„טוב מעט לצדיק מהמון רשעים רבים".

— וואָס מישטיינס געזאָגט דאַרף א מענטש פאַר זיך? און עס האָבן אים געקלונגען אין די אויערן די ווערטער פון דעם אַלטן באַנקיר:

„מען דאַרף העלפן..."

און ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם קראַנקן וואָס ליגט אין דעם פינצ־טערן, פייכטן קעלער־שטוב, דאָרט ווו קיין ליכטיקער שטראַל קומט נישט אריין און ווער קומט דאָרט יאָ אריין אויסער עלנד, הונגער, נויט?...

און יצחק זוסמאַן האָט פאַרטראַכט א חברה צו העלפן אָרעמע, עלנדע קראַנקע און די חברה זאָל הייסן לינת הצדק, און מענטשן זאָלן קומען אין

די קעלער־שטובן, ברענגען א רפואה, א טרייסט, א זיפץ און נאָכמער — מיטליידן, מיטפילן און מיטפינצטערן; נעכטיקן דאָרט און מקיים זיין דעם „ואהבת לרעך כמוך".

אין גרויסן חתונה־זאַל אַנטקעגנאיבער דעם אייזערנעם טויער ברע־נען אַלע גאַז־לאָמפּן.

אין דרויסן אַרויס טראָגן זיך ראַשיקע מוזיק־קלאַנגען און ס'הערט זיך א פריילעכער טומל.

א פולע לבנה אין מיטן פון אַן אויסגעשטערנטן הימל קוקט אַראָפּ און חידושט זיך אויף דער לאַנגער ריי דראָזשקעס און קאַרעטעס, וואָס שטעלן זיך פאַר דער סאַליע „האַרמאָניא". עס שטייגן אַרויס פאַרפּוצטע דאַמען און הערן, גייען אַרויף מיט וואַזשנע מינעס אויבן אַרויף צו דער גרויסער סאַליע.

— וואָס קומט דאָרט פאָר? פרעגט מען זיך אין א געזעמל פאַרן איי־זערנעם טויער.

— עפעס יאָ א חתונה און נישט קיין חתונה...

— ניין, נישט קיין חתונה!

— וואָדען?

דערציילט מען:

— ס'איז אַראָפּגעקומען א ליטוואַק און האָט געמאַכט א חברה „לינת הצדק" פאַר אָרימע קראַנקע. מאַכט מען א באַל צו שאַפן מעדיצינען!

— א ווילע זאַך! א טייערע זאַך!

און דער עולם אין סאַליע ווערט גרעסער און די מוזיק קלאַפּט שטאַרקער, און פאַרלעך טאַנצן...

און אָט שטייט אויף דער בינע א הויכער, דיסער, ברונעטער מאַן. אָנגעטאָן אין א פראַק און אויפן קאָפּ טראָגט ער א הויכן, גלאַנצעדיקן צילינדער.

א קנאַק מיטן גראָבן פינגער און די מוזיק האָט זיך אָפּגעשטעלט.
און אָנגעהויבן א קופּלעטל באַגלייט פון דער מוזיק:
„ליבע, דאָס איז א גוטע זאַך,
ליבע דאָס מאַכט אַלט און שוואַך,
עס בייסט, עס רייסט, עס ציפּט, עס פליקט,

ליבע!..."

דער עולם קוועלט און שרייט: נאָך!... נאָך!...

ער זינגט אָבער נישט מער, פאַרנויגט זיך און רופט זיך אָפּ צום „געשעצטן פּובליקום":

„יעצט וועט איר הערן עפּעס בעסערס, עפּעס שענערס, עפּעס וויכטיקערס", טרעט אָפּ און אויף דער בינע באַווייזט זיך די דראָבנע, איידעלע געשטאַלט פון דעם סעקרעטאַר פון „לינת הצדק" יצחק זוסמאַן.

עס ווערט שטיל. מ'הערט דאָס רוישן פון די גאַז־לאָמפּן.

מ'האַלט איין דעם אָטעם.

מיטאַמאָל האָט אַ דונער געטאָן איבערן זאַל:

„וואַרשעווער יידן!"

און מענטשן האָבן זיך געוווּנדערט, ווי נעמט זיך עס צו אַזאַ מענטש אַזאַ כוח?

און די שטים האָט זיך געשטאַרקט און אָפּגעקלונגען מיט עכאָס אין אַלע ווינקעלעך פון דעם גרויסן זאַל.

— מיר לעבן אין וואַרשע און מיר פאַרגעסן, אַז עס זענען דאָ צוויי וואַרשעס! אַ וואַרשע אויבן און אַ וואַרשע אונטן; דרי מעלה און דרי מטה!

אויבן איז ליכטיק און וואַרים; זאַרגלאָז און פריילעך; לוקסוס און פּראַכט; מוזיק און טענץ און עס גיסט זיך שאַמפּאַן!

אונטן איז פינצטער און קאַלט; זאָרג און פּיין; הונגער און גוויט און די וועגט וויינען!

און וועט וואַרשע פון אויבן נישט קומען העלפן וואַרשע פון אונטן, קענען חלילה זיך אַ טרייסל טאָן די פייכטע ווענט פון אונטן און ס'קענען ווי אין די צייטן פון שמשונס גבורה, חלילה איינפאַלן די היינטיקע טעמפּלען פון אויבן!

געדענקט, מיר דאַרפן העלפן! מיר מוזן העלפן!

„צוויי וואַרשעס..."

און אין טויזנטער אויערן האָט אָפּגעקלונגען:

„אויבן און אונטן..."

דרי מעלה און דרי מטה..."

„העלפן... העלפן... העלפן..."

ליכטיקע אויגן

פון סאסנאווין וואַלד האָט זיך געטראָגן אַ געזאַנג.

וואָס נידעריקער די זון האָט זיך געזעצט, אַלץ העכער האָט זיך געטראָגן דער געזאַנג.

פאַרנאַכט.

די זון האָט באַגילט די הויכע שפּיצן פון די נאָדל־ביימער.

אַ קיל ווינטל האָט געבלאָזן און האָט אָפּגעפרישט די הייסע, אָנגעגליטע לופט. שאָטנס האָבן זיך צעלייגט איבערן זאַמדיקן וועג, וואָס האָט געפירט פון וואַלד צו דער דאַטשע און די שאָטנס האָבן זיך באַוויגן, זיך דערנענטערט, אויסגעוואַקסן, טראָגנדיק מיט זיך וואָס נענטער אַלץ אַ העכערן געזאַנג.

אַ ליד האָט זיך אויסגעלאָזט און חברה האָט אַרויסגעלאָזט אַ הילכיקן געלעכטער, וואָס האָט אָפּגעקלונגען מיט טויזנטער עכאָס אין דעם וויטן, וואַלדיקן אַרום. און עס האָבן אין געזאַנג און אין געלעכטער זיך אויסגעמישט מעכטיקע, ברוסטיקע, מענער־קולות מיט צאַרט־קלינגעדיקע פרויען — שטימעס, ווי זילבער־גלעקלעך און ס'האָט געציטערט די לופט.

און אָט איז ווידער שאַ־שטיל און עס הערט זיך דער עכאָ פון אַ סו־קו!... קו — קו!...

און פון ערגעץ רופט זיך אָפּ אַ שניידנדיקער קוויטש פון אַ נאַכט־פויגל; אַ שאַרפער, לאַנג־צעצויגענער קוויטש און ווידער שאַ־שטיל... אַ הונט האָט זיך ערגעץ־ווו אומעטיק צעבילט...

מחנות פליגן און קאָמאַרעס זשומען... זשאַבעס קוואַקען איינטאָניק אין סמאָוו און ווידער שאַ־שטיל... דער עולם האָט זיך צעשאָטן איבער די שטיבלעך, אויסלאַדנדיק פון זיך די לעצטע פונקען ענערגיע מיט אַ שטיף, מיט אַ לאַך, צי מיט אַ לוסטיקן געזעגנען זיך.

— אַ גוטע נאַכט, געלע ציג!

— שלאָפן, אינדיקעס!...

עמעצן האָט זיך פאַרגלוסט פאַרציען אַן אַריע און איז צו שפּאָט געוואָרן פון חברה לצים...

און אַז אין די שטיבעלעך האָבן זיך ליכטער צעצונדן, ווי שטערן אינם הימלישן חושך, איז שוין גאָר שטיל געוואָרן — — —

שטיל און פינצטער...

אַ שעפּטשנדיקער שאָרך פון הינטער אַ בוים האָט פּלוצים איבערגעריסן די סודותדיקע שטילקייט.

יונג־מיידל־שטים האָט געפּליסטערט:

— דאָ בין איך...

— חיים?

— איך, שרה.

און מ'האָט זיך באַגעגנט און הערצער האָבן סודותדיק געהאַמערט.

ווייט פון פרעמדע אויגן. עדות נאָר ביימער און שאָטנס...

ער — אַכצן; זי — זיבעצן...

ביידע — געענדיקט גימנאַזיע און שוועבן, שוועבן אויף די פליגלען פון ווייטע, אין נעפּל פאַרשלייערטע חלומות און ווערן פאַרטראָגן אין ווייטע, ווייטע וואָלקנס.

און זיי ווייסן קלאָר, וווהין עס ציען זיך זייערע יונגע, פאַרחלומטע הערצער. עס טאָר אָבער קיינער דעם סוד נישט וויסן; נישט קיין פרעמדע. נישט קיין איינענע; נישט קיין טאַטע, נישט קיין מאַמע; אַנישט איז די שפּיל פאַרן טייוול... אַנישט איז פאַרשפּילט זייער לעבן; אַן אַ זין אַ יונג פרילינג לעבן; אַזוי פילט יעדער איינער פון זיי.

די פויזד אויף דער דאַטשע איז אַ מעכאַנישע, אַ געמאַכטע; ס'איז נישט קיין פּוואַליקע פרייד, וואָס קומט פון די טיפענישן; אַז אַלץ אַרום איז אַזוי קאַלט, פרעמד...

די זון — אַ שטיף־מאַמע.

— דער הימל — אַ ווייטער, אַ פרעמדער און די ערד — אַ צעשווימטע, אַזאַ ציטערדיקע, אַ וואַקלדיקע...

— חיים, איך פיל אַפּטמאָל, ווי עס וואָלט געציטערט הינטער מיר

דער באָדן, ווי איך וואָלט נישט געשפּאַנט אויף קיין ערד, נאָר אויף כוואַליעס —. — —

ווי וואָלדיק זענען אונדזערע טריט — — — און ווי פּעסט עס שפּאַנט דער גוי!

— יע שרה, ער שפּירט זיינע טריט אויף זיכערן באָדן!

— ער שפּאַנט אויף זיין ערד... און מיר שוועבן אין דער לופט, צווי־שן הימל און ערד...

שרה האָט זיך דערפילט שוואַך, עלנד, אין אומעט פאַרזונקען און איר גאָלד־בלאָנדער קאָפּ איז שווער אַראָפּגעפאַלן אויף היימס האַסטיק־פּול־סירנדיקער ברוסט. זיין פּעך־שוואַרצע טשופּרינע איז געפאַלן אויף אירע, גליענדיקע באַקן...

פון ביידנס אויגן זענען ווי פרישע פּערל־טראָפּנס טוי, צאַרטע, הייסע טרערן געפאַלן אויף די גרינע גראָזן.

צווי יונגע הערצער האָבן געהאַמערט מיט אומגעצוימטער בענק־שאַפט צו אַ ווייטן, ווייטן ברעג — — —

די דאַטשע איז געגאַנגען כּאַדאַראַם.

שכנים האָבן געמוסרט:

— ווי דערלאָזט מען דאָס?

— און וווהין זענען זיי אַוועק?

— קינדער, אַליין...

— און וואָס איז די עולה? האָט זיך עמעץ אָפּגערופן, זאָלן זיי בויען און דערנאָך וועלן מיר אַהינקומען?

אויגן האָבן געשטוינט און מ׳האָט זיך געשעמט צו פרעגן וווהין.

און דער קול האָט זיך ווייטער געטראָגן און שטיל אָפּגעקלונגען, ווייל אַ צאַרטע פרויען־שטים איז עס געווען, אַ שטים וואָס גלעט און כּישופט:

— בויען אַ לאַנד זענען זיי אַוועק, אויסטרעטן אַ וועג...

— מירן דאָרט מאַכן אַ דאַטשע, האָט עמעץ זיך לוסטיק געמאַכט.

— לאַכט נישט, לאַכט נישט, דאָרט וועלן מיר טרעטן אויף זיכערן באָדן, אויף אייגענער ערד!

פּאַרנאַכט איז געוואָרן אַ טומל אויף דער דאַטשע.

ביים ראַנד פון וואַלד האָט מען געפונען אַ הרוג; מ׳האָט דערקענט מאַקס שיינגאָלדן. דעם אַפּטייקער. עדות האָבן דערציילט, אַז דער פּריץ האָט אויף אים געצילט פון זיין יעגער־ביקס...

פּאָליציי האָט געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל, אַז עס איז געשען אַן אומגליק. דער פּאַן זאַוואַדסקי, דער דזיעדזיטש האָט געוואָלט שיסן אַ הירש און ער האָט מוטוויליק געשאָסן אַ מענטשן.

פּאַרטאָג האָט מען שטיל באַגלייט אַ יידישן הרוג צו זיין אייביקער רו און פּאַרנאַכט איז מען זיך צעפאָרן.

אינעם טונקעלן באַן־וואַגאָן האָט עמעץ געשעפּטשעט:

— ליכטיקע אויגן האָבן זיי, די יונגע...

און אַ צווייטער האָט אונטערגעכאַפּט:

זיי זעען אין דעם חושך פון דער נאַכט, די ליכט וואָס גייט אויף מיטן קומענדיקן טאָג.

— ליכטיקע אויגן...

משיח איז געבוירן געוואָרן

דאָס שטעטל דרימלט.

דער אַלטער מאַרק; איינגעהויקערטע שטיבעלעך טוליען זיך איינס צום אַנדערן; נעבן פּלומפּ אינמיטן מאַרק שטייט אָנגעשפּאַרט דער נאַכט־שומר, וואָס היט די קראָמען — אַלץ שלאָפט, אַלץ איז איינגעהילט אין שאָטנס.

די לבנה האָט זיך באַהאַלטן הינטער אַ דיקן וואָלקן, זיך צו שיצן פון דער נאַכטיקער קעלט.

עס איז אינמיטן האַרבסט.

פייכטע ווינטן בלאָזן אַהין און צוריק, ווי געטריבן פון נישט־גוטע. וו־נישט־ווו פאַלט אַראָפּ אַ פאַרדאַרט, פאַרגעלט בלעטל פון אַ בוים, דרייט זיך אַרום אין דער לופט און ווערט ערגעץ פאַרפאַלן... עס הערט זיך פון דערווייטן דאָס קראָקן פון אַ בייזער קראָ; אַ דערשראָקענער הייזעריקער געקריי פון אַ האָן; אַ געביל פון אַ היימלאָזן, פון הונגער און קעלט אַדורכגענומענעם הונט.

מיטאַמאָל איז אַלץ אַנטשוויגן געוואָרן; שאַ־שטיל...

נישט־מער, ווי אַ ציטער פון אַ ווינטל און אַ שאָטן ערגעץ־ווו..

דאָס שטעטל, אין שאָטנס פאַרהילט, דרימלט; נאָר אָט אין אַ ווינקל פון מאַרק רייסט זיך פון אַ לאָדן־שפּאַרונע אַרויס אַ דינער פּאַס ליכט; זאָגט אָן אַז עמעץ אין שטעטל שלאָפט נישט די נאַכט; עפּעס קומט פאָר.

אַנטאָני, דער נאַכט־שומר פּלומפּט אָן, בויגט זיך אַראָפּ, נעמט אָן פולע הענט וואַסער, אַ פּליוך איבערן פּנים — פאַרטריבן דעם שלאָף...

מיטן אַרבל פון עם קאַפּטאַן, אויסגעריבן זיך די קליינע, וואַסערדיקע אייגעלעך, אָפּגעווישט דעם איינגענעצטן פּנים, ליפּן און וואָנצעס, אַרויס־

געלאָזט א לאַנג־צעצויגענעם געגעץ און מיט א פֿוילן מאַך מיט דער האַנט, אָפּגעזאָגט זיך פֿון שלאָף...

— א בייזע נאַכט, ווראַגנעס קראַקען!...

— און וואָס ליגט זיך דאָרטן ביי דער לייבאָווא?

אהאַ!... ער האָט זיך דערמאָנט, אז די לייבאָווא ליגט שוין דעם דריטן טאָג אין בעט; ריכט זיך אויף עפּעס...

— אין אזא בייזער נאַכט.. ביעדנאַ לייבאָווא!... א טיר האָט זיך אויפֿגעפּראַלט, א שטראָם ליכט האָט א פֿלייץ געטאָן און ווי אַן איבערגעשראָקענע מחנה רוחות, זענען שאָטנס זיך צעלאָפֿן...

אין טיר איז געשטאַנען אַן אויסגעצויגענער, מיט א פֿאַרריסענעם קאָפּ, לייבל שוחט; זיינע אָנגעשטרענגטע בליקן זענען געפֿאַלן אויפֿן נאַכט־שומר:

— שוין? — האָט דער אַלטער שומר א ברום געטאָן מיט א פֿאַרצויגענעם כריפּ.

— שוין, מיט גאָטס הילף, אין א גוטער שעה!

— א בייזע נאַכט, לייבקאַ, ווראַגנעס — — —

— לאָז אָפּ דיינע ווראַגנעס, אַנטאָני און לאָמיר גיין אויפֿוועקן דעם דאָקטאָר טשאַרניעצקי! לייבל שוחט האָט ארויסגעבראַכט פֿון שטוב א ברענענדיק ליכט, אָנגעצונדן אַנטאָנים לאַמטערל און ביידע האָבן זיך געלאָזן מיט שנעלע טריט איבערן מאַרק צו יענער זייט קלויסטער, ווו עס וווינט דער דאָקטאָר און אַפּטייקער, יאַן טשאַרניעצקי. שכנטעס האָבן זיך באַלד דערוווסט און איינע נאָך דער אַנדערער, איינגעוויקלט אין דיקע פּאַטשיילעס האָבן זיך ווי שאָטנס געשלייכט איבערן מאַרק צו לייבל שוחטס שטיבל, פֿון וואַנען עס האָבן זיך שוין געהערט וואָס אַמאָל טיפֿערע קרעכצן און ווייען פֿון דער קימפּעטאָרן.

אין א פּאָר מינוט שפּעטער האָבן געשפּרייזט איבערן מאַרק דריי: לייבל שוחט, איינגענורעט אין א לאַנגער קאַפּאָטע, די הענט אין די אַרבל פֿאַרשטעקט, שטיל — קיין שאָרך פֿון מויל נישט ארויסגעלאָזן, זיינע קין־באַקן האָבן געציטערט, די דינע בלאָנדע האָר פֿון בערדל און וואָנצעס האָבן זיך געצאַפּלט און די אויגן, ווי שפּיזן האָבן דורכגעשטאָכן דעם חושך...

נאָך אים — דער אַלטער אַנטאָני, דער שומר, איינגעהילט אין לאַכעס,

מיטן לאמטערל אין האנט, האט זיך געוואקלט, שפרייזנדיק מיט אומגעלומ־פערט ברייטע טריט און געמרוקעט אונטערן נאז:

— א בייזע נאכט... ווראנעם!...

און אנגעפעלצטער האט זיך עטלעכע טריט ווייטער געשארט דער דאק־טאר יאן טשארניעצקי מיט א גראבן שטעקן אין דער רעכטער האנט און א וואליזקעלע אין דער לינקער; עטלעכע מאל זיך אפגעשטעלט, שווער אפ־געסאפעט און א ברום געטאן: — זשיד פארך!...

מיטן שארען אויף טאג, האט מען לייבל דעם שוחט אנגעזאגט:

— מזל טוב, א יינגל!

אויף מארגן האבן מענער דערציילט אין קלויז און ווייבער אויפן מארק, אז ביי לייבל שוחט איז מיט מזל געבוירן געווארן א יינגל.

— א יינגל!

— א יינגל?

— פס... א קלייניקייט!.. דריי יאר נאך דער חתונה!.. משיח איז געבוירן געווארן!...

„שמשון הגיבור"

אויפֿן שוועל פֿון דער מאַנופֿאַקטור־פֿירמע „ברידער אייזנבערג", איז געשטאַנען דער משרת מענדל טריסקער און זיך געבלאָזן. זיינע בעקלעך האָבן אויסגעזען ווי פֿייערדיקע פּענבערס און די נאָזלעכער האָבן כּסדר זיך געעפֿנט און פֿאַרמאַכט. מענדל איז געווען אַן אויפֿגעקאָכטער, אַלץ אין אים האָט געברויזט, אַפֿילו זיין שוואַרץ, קורץ־געשוירן בערדל האָט זיך געצונדן און אויסגעזען, אַז אָט־אָט ווערט עס צוזאַמען מיט די דינע, שוואַרצע וואָנסעלעך — אַ פֿייער...

— וואָס איז?... וואָס איז?... האָט מען אים געפֿרעגט פֿון אַלע זייטן.

— ס'הייסט, שוין אַ האַלבע שעה, ווי כ'זוך שמשונען און גאָרנישט, ווי אין וואַסער אַריין...

— איז וואָס?...

— ס'הייסט איז וואָס, וועט ט'מיר דערהייבן אַזאַ קאַסטן?...

פֿון אויפֿרעגונג האָט מענדל פֿאַרגעסן אָנצוטאָן די קאַפּאָטע און מיט די בלויזע וועסט און הויזן געלאָפֿן איבער דער נאַלעווקעס זוכן שמשונען.

מענטשן האָבן אָנגעקוקט דעם פֿאַרשמייעטן מענדלען, געהויבן מיט די באַקעס און געלאַכט.

ס'טוכן היטלעלע איז ביי מענדלען געווען פֿאַררוקט אויפֿן שפּיץ קאָפּ און מיטן דאַשעק אויף אַ זייט, ס'קראַוואַטל איז אַרויס פֿון דער וועסט און געפֿלויגן אויפֿן ווינט...

מיטאַמאָל האָט פֿון ראָג פֿראַנציסקאַנער־גאַס זיך אַרויסגעשאַרט אַ גרויסע געשטאַלט מיט אַ ברייט־צעפֿלאַשעטער געלער באָרד. שווערע טריט מיט גרויסע, האַרטע שטיוול, אַ צעפֿליקט רעקל איבער די קני, וואָס האָט פֿאַרשטעלט די הויזן, לעכער און לאַטעס איבער לאַטעס; גראָבע שטריק אי־

בער די לענדן ארומגענומען — האָבן עדות געזאָגט אויף א מענטשן, וואָס לעבט פון טראָגן שווערע לאַסטן...

— שמשון, ווו ביסטו איינגעזונקען געוואָרן, איך זוך דיך שוין אזוי א גוטע שעה! — האָט מענדל אויסגערופן האַלב אין כעס און האַלב צעפריידן.

— דאָ בין איך דאָך... האָט שמשון גלייכגילטיק געענטפערט און נאָכגעגאַנגען מענדלען.

אין מאַנופאַקטור־געשעפט האָט שמשון פאַרוואָרפן די שטריק איבערן צען פודיקן קאַסטן און... אָט שפּאַנט ער שוין מיט ברייטע, פעסטע טריט איבער דער נאַלעוואָקעס מיטן גרויסן קאַסטן אויף די פּלייצעס; מענדל לויפט אונטער מיט דראָבנע טריטלעך און סאָפּעט שווער.

אין א פּאָר מינוט אַרום איז שוין דער קאַסטן געלעגן צוזאַמען מיט נאָך א הויפן קאַסטנס און פּעק אויפן וואָקזאַל אין דער עקספּעדיציע... און שמשון האָט געציילט די גראָשנס מיט די גילדנס און אויסגערעכנט, אז עס פעלט נאָך... ווייטער געשפּאַנט, ביז פון ערגעץ האָט זיך ווידער דערהערט רופן: — שמשון!...

איינעם פון די משרתים אויף דער נאַלעוואָקעס האָט זיך פאַרוואָלט א וויצל מאַן אויף שמשונס חשבון, פאַר זיין גבורה צו טראָגן די שווערסטע קאַסטנס; האָט ער אים א נאָמען געגעבן „שמשון הגיבור", איז שוין אזוי געבליבן. האָט שוין עמעץ דערציילט, אז „שמשון הגיבור" ברעכט אייזן.

— וואָס רעדט איר, ער איז דאָך שטאַרקער פאַר זבישקאַ ציגאַניעוויטש.... האָט א צווייטער באַמערקט, — א קליייניקייט, שפּילט זיך מיט שמשון הגיבור!... אז שמשון מיט דער געלער באָרד און מיטן רויטן, פאַרפלאָמטן פּנים, איז געגאַנגען איבערן גאַס, פאַרגאַרטלט מיט די גראָבע שטריק איבער די לענדן און געקלאַפּט איבערן ברוק מיט די שווערע שטיוול, האָבן חדר־יינגלעך אויף אים געטײַטלט מיט די פינגער און זיך געסודעט:

— שמשון הגיבור... שמשון הגיבור...

אין קראשינקיס גאָרטן

י. ל. פרץ און ה. ד. נאמבערגן; זייער ליכטיקן אָנדענק געהייליקט.

שבת פארנאכט אין קראשינסקיס גאָרטן.

יונגעלייט אין אטלעסענע קאפאָטעס און מיט סאמעטענע היטעלעך שפא־צירן צו עטלעכע אין א שורה. גלעטן זיך די קוים באשפּראָצטע באקן און שמועכן הויך אויפן קול.

אין דער לופטן צעטראָגן זיך אָפּגעהאַקטע קלאנגען:

„רוסלאנד... דער טערק... באספאר... דארדאנעלן... יאפאן...

עטלעכע טריט ווייטער גייען געאָרעמט זייערע יונגע ווייבלעך מיט פיין פארקעמטע שייטלעך; אויסגעפוצטע אין סאמעט, פליוש, אטלעס און זייד; באהאָנגען מיט צירונג; רעדן אינאיינעם, דין־קלינגנדיק, און פאר־צויגן ווי א געזאנג.

אין א זייטיקער אליי באגעגענען זיך סטודענטן מיט קורסיסטקעס און רעדן זיך איבער אויף אויגן־שפּראך...

ארום די בלומען־קלאמבן, ווי א מחנה פייגל, פלאטערן שווארץ־אוי־גיקע יידישע קינדער און פארהילכן די לופט מיט אומגעצוימטער פרייד.

עטלעכע ברייטע, יוסטע בעלי בתים זיצן אויף א באנק אריבערגעבוי־גן איבער א „מאָמענט" און זוכן צו דערגיין ווי עס האלט מיטן שלום אויף דער וועלט. אנטקעגנאיבער אויף א באנק זיצן אָנגעגוידערטע ווייבער און ווארפן קרומע בליקן אויף די יונגע ווייבלעך, וואָס גייען פארביי מיט א הילכעדיקן געלעכטער; קוקן זיי נאָך און פארשנורעווען די ליפּן...

גייען דורך יונגע גויים, רואיקע, זארגלאָזע, פעסטע, אייזערנע! מיט וואָנצעס ארויפגעדרייט ארויפצעצו און מיט קעפ פאריסענע.

ווארפן זיי כמורנע בליקן פון וואסערדיקע אויגן און אונטער די וואָנצעס ברומען זיי:

— זשידזשי, פּשאַ קרעוו!

אויף אַ זייטיקער באַנק צווישן געדיכטע קוסטעס זיצן צוויי מאָדנע יונגעלייט מיט ברייט־געפליגלטע קאַפּעליושן און מיט גאָר ברייטע שוואַר־צע פּאַלערינעס.

זיי קוקן צו אַ ברעג הימל, וווּ די זון פאַרנייט שקאַרלאַט־רויט. די זון האָט זיך שוין אַראָפּגעזעצט נידעריקער פון די שפּיצן ביימער און וואָס נידעריקער זי זעצט זיך אַראָפּ, אַלץ פייערדיקער ווערט אַ שטיק הימל... און אָט האָט זיך אָן איינזאַם, קליין וואָלקנדל פאַררויטלט און וואָס נענטער עס האָט זיך צוגערוקט די שקאַרלאַט־רויטע זון, אַלץ מער האָט זיך ס׳וואָל־קנדל גערויטלט...

איינער פון די צוויי מאָדנע יונגעלייט, אַ ברייטפּלייציקער מיט אַראָפּ־געלאָזטע וואָנצעס און מיט אויגן — פונקען פייער! האָט ער זיינע בליקן אין דעם פאַרכישופטן הימל־ברעג איינגעטונקען; אַ רגע זיך פאַרטראַכט און באַלד פון בוזים אַרויסגעכאַפּט אַ נאָטיץ־ביכל און פאַרצייכנט.

דער צווייטער — אַ מאָגערער, אַן איינגעשרומפּענער, אַ קורצזיכטי־קער, האָט זיך איבערגעבויגן און אַרויסגעלייענט:

„דאָס וואָלקנדל, אַ שעמעוודיק יונגערמאַנטשיקל, רויטלט זיך מיטן אָנקום פון דער זון, די בת מלכּה, זיין כּלה...״

נאָכאַמאָל איבערגעלייענט; דאַסמאָל אויפן קול און זיין בלאַסער פּנים האָט זיך פאַררויטלט, זיינע אומעטיקע, מאַטאַווע אויגן האָבן באַקומען אַ גלאַנץ און זיך צעפינקלט...

— קום, יצחק לייבוש, האָט ער צערטלעך געשעפּטשעט און ווי צוויי אומבאַמערקטע שאָטנס, האָבן די צוויי מאָדנע יונגעלייט אַרויסגעשלייכט פון קראַשינסקיס גאָרטן.

אַרויס פון די נאַלעווקעס, דורכגעשפּאַנט די ביעלאַנסקאַ און אַריין אין קריסטלעכן קוואַרטאַל.

— הערש דוד, דאָ לאָמיר רעדן יידיש, זיי איז צו פּיקעניש! האָט אַרויס געבראָכט דער ברייטביי ניקער מיט אַ טיפער, באַסאָווער שטים.

— יאָ, און צווישן יידן — פּויליש...

— יצחק לייבוש, ביזט אַ משומד להכעיס!

— ניין, יידיש, נאָר יידיש! הערסט, הערש דוד, יידיש! אומעטום, אַפי־לו צווישן יידן...

פארן צעשײדן זיך, מאכט דעם ברײטבײניקער מיט א כלומרשטן פארדרוס:

— בין איך, הײסט עס א משומד להכעיס...

און דער צװײטער, א פארשעמטער, האט זײן חבר ארײנגעשמײכלט אין די אױגן ארײן:

— גארנישט געמײנט, יצחק לײבוש... זײ מוחל.

און ברײט צעעפנטע, צעפינקלטע אױגן, האבן געענטפערט:

— מוחל... מוחל...

יארן זענען אװעק און אין װארשע האט מען אים שױן געקענט און מ'האט נאכגעפאלגט זײנע טריט:

— אט גײט ער.

— דאס איז ער, מיט די פריצישע װאנצעס, מיטן הוט מיט די ברײ־טע פליגלען, מיט דער ברײטער פעלערינע.

— יצחק לײבוש פרץ.

— א לץ...

— אן אפיקורס...

— א משומד להכעיס...

— געקענט זײן א גאון!

— איז ער נישט? לײען זײן „מאניש"!

— א ליטװאק, א צלם־קאפ!

— ער איז דאך א משלנו, פון זאמאשטש!

זײנע אנגעשפיצטע אױערן האבן אױפגעכאפט יעדן קלאנג, זײן פנים אבער האט נישט פארמסרט דאס הארץ; נישט אים מײנט מען...

די נאכט, װי א שװארצער סאמעטענער טוך, מיט גאלדענע פינטעלעך דורכגעשפרענקלט, האט זיך פארשפרײט איבער די נאלעװקעס.

טאַטע, טאַטע!

(דעם אָנדענק פון יעקב דינעזאָנען געווידמעט).

איבער וואַרשע האָט דער שניי, ווי א ווייסער טלית זיך פאַרשפּרייט. הייזער ביז איבער די דעכער, גאַסן אין דער לענג און ברייט, פּאַרקן, בולוואַרן מיט די נאַקעטע ביימער, אַלץ האָט געבלענדט מיט א לויטער־קלאָרער ווייסקייט, אַפילו די לופט איז געוואָרן דורכזיכטיק־ווייס...

מענטשן זענען געגאַנגען איינגענורעטע אין דיקע מאַנטלען; מענער די קעפּ, איבער די אויערן אין אויפגעשטעלטע קעלנער איינגענורעט; פרויען אנגעפּעלצטע און די הענט אין מופקעס פאַרשטעקט, און אַלע אין ווייסן...

וואַרשע איז ווייס געוואָרן; אַפילו דער ווייסל, וואָס מיניעט זיך אין אַלערליי קאָלירן און שפּיגלט אָפּ וואַרשע פון איין זייט, פּראַגע — פון דער אַנדערער און דעם הימל אינמיטן, איז אויך געוואָרן ווייס, ווי א גרייז־גרויער זקן און פאַרהאַלטן זיין גאַנג, פאַרהאַרטעוועט, פאַרגליווערט אונטערן מאַסיוון אייז־צודעק...

די יונג־שפּילעוודיקע, מיט לוסט און פרייד שפּרודלדיקע וואַרשע איז מיטאַמאָל אַלט און קאַלט, און אומעטיק געוואָרן.

איילן מענטשן, וואָס ניכער די פראָסטיקע קעלט דורכצושניידן; אַלט און יונג. מענער, פרויען און קינדער, אַלץ איילט מיט פאַרזשמורעטע אויגן און זעט נישט וואָס עס טוט זיך אַרום, ווי קען מען זען, ווי קען מען זיך אָפּשטעלן, אַרומקוקן זיך, אַז די קעלט שטעכט ווי מיט נאָדלען!

נאָר איינער גייט זיך פּאַמעלעך, ווי די קעלט וואָלט נישט אים געמיינט... ווי ער וואָלט אין זיך א פלאַם געטראָגן, אזא פלאַם, וואָס דערוואַרעמט אים און אַלץ אַרום אים... א פלאַם איז גובר די קעלט, שמעלצט אייז, פאַרטרייבט ווינטן רוחות אין זייער רו אריין.

נישט קיין יונגער איז דער מוטיקער גייער אינם פראַסטיקן שטורעם; אַ מאַן אַ באַיאַרטער, דאָך אויגן פאַרמאָגט ער גאָר יונגע, בלויע טויבן־אויגן... שטעלט ער זיך אָפּ אין יעדן ראַג, טרייסלט אָפּ פון זיך דעם פּו־טיגן שניי, נעמט אַרויס פון אַ זייטיקער קעשענע אַ ווייס טיכעלע און ווישט זיך אָפּ די באָרד, ווי איינער זאָגט: — איך לאַך פון דיר ווינטער, איך טראָג שוין נישט איין ווינטער אויף מיינע פּלייצעס... און זע שניי, זענען נישט מיינע האָר שוין אַן דיר אַזוי ווייס, שנייען־ווייס, ווי דו אַליין?...

אָבער וואָס זעט ער? ער רייבט שנעל מיט דער זעלבער טיכעלע זיינע אויגן אויס, קוקט זיך צו און גלויבט זיך נישט. — איז דאָס אמת?... ער בויגט זיך אריבער מיט צעשראָקענע בליקן... — אַ פּעקל... און דאָס פּעקל באַוועגט זיך... אַ בינטל שמאַטעס און אונטער די שמאַטעס רירט זיך עפּעס...

פאַנאַנדערגעריסן די שמאַטעס און עס באַווייזט זיך אַ לעבעדיק באַ־שעפעניש... אַ קינד... אַ יידיש קינד... געפרוירענע גלידער... בלוי פון הונ־גער און קעלט... פון דריי אָדער פיר יאָר אַ קינד... צי אפשר מער... ווער קען וויסן?...

אַ מיידעלע, אין איין אָפּגעריסן קליידעלע, וואָס פאַרדעקט קוים דאָס פאַרפרוירן קינדיש גופל...

דאָס קינד שרעקט זיך בלויז אַ ווייל. די בלויע אויגן באַרואיקן. די ווייכע טאַטע־האַנט גלעט און נאָר איין וואָרט: — קום! — און אַזוי שטיל, אַזוי ווייך, אַזוי גלעטנדיק איז דאָס וואָרט, אַז דאָס קינד דערפילט אַ וואַ־רעמקייט אין די געפרוירענע גלידער, הייבט זיך און ציט אויס צוויי אויסגעדאַרטע הענטלעך...

— דראַזשקע!

און אָט איז דאָס קינד אויף זיינע הענט. טוליעט זיך צו אים, באַ־מיט זיך צו שמייכלען; דאָס פּנים פאַרקרימט זיך, אָבער די אויגן, טיף — שוואַרצע, נאַכטיק־אומעטיקע (כאָטש אַרום איז גרויסער טאָג...) און די בלויע ליפּעלעך שעפּטשען: — טאַטע...

דער „טאַטע" זיפצט אָפּ ברייט און טיף, ער האָט שוין זיין לוין...

די דראַזשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ גרויס הויז, פון וועלכן עס האָט זיך דורך מיט אייז פאַרקאַוועטע פענצטער געהערט אַ קינדערשער טומל. איבערן טויער איז געהאָנגען אַ יידישע שילד:

„קינדער־היים א. נ. פון י. ל. פּרץ".

און אז די טיר האָט זיך געעפנט, האָט אַ הייסע פּאַרע אַ זעץ געטאָן אין דרויסן אַרויס און קינדערשע קולכעלעך, ווי צענדליקער גלעקעלעך האָבן זיך צעקלונגען: „טאַטע, טאַטע!!...”

צוריק איז דער „טאַטע” ייִנגער און פלינקער געוואָרן, ווי פליגל באַקומען, האַסטיק געשפּאַנט פאָרויס, לאַכנדיק אין פּנים אַריין דעם ווינ־טער... ביי אַ ראָג, זיך פלוצלונג אָפּגעשטעלט. אַרומגעקוקט זיך: — אפשר?... — דאַרף מען ווייטער זוכן, דער ווינטער איז אכזריותדיק און קינדער, אַזוי שוואַך...

שפּעט אין אָוונט אויף זיין געלעגער, אין זיין ענגן, איינזאַמען צי־מערל, האָט ער געלייענט אַ יידיש בוך און געלייענט אַזוי לאַנג, ביז די אויגן האָבן אָנגעהויבן ברענען און אין די שלייפן האָט גענומען קלאַפּן... — גענוג!... פאַרמאַכט דאָס בוך, אָפּגעלייגט עס אויפן דערבייאיקן טישל און זיינע מידע אויגן זענען געפאַלן אויף אַ פּאַפּיר, וואָס איז געלעגן האַרט נעבן טיגט — און פּעדער; עטלעכע שורות בלויז באַשריבן...

— בלייבט עס אויף מאָרגן...

פאַרלאָשן דאָס נאַפט־לעמפּל און אין די קליידער זיך געוואָרפן אויפן געלעגער.

קוים די אויגן פאַרמאַכט, דעם ערשטן דרימל געכאַפּט און קינדער־שע קולעכלעך, ווי צענדליקער גלעקעלעך האָבן זיך צעקלונגען:

טאַטע, טאַטע!!...

אַנטאַני

א יידישער הויף אין וואַרשע.

לאַנג און ברייט און ווי א קאַסטן אַרומגענומען מיט הויכע פירשטאָקיקע ווענט מיט צענדליקער פענצטער... זומער־צייט קוקן אַרויס פון די אָפענע פענצטער יידישע קעפּ; מענערישע — מיט בערד, ווייבערשע מיט שייטלען און קינדערשע „מיר זאָל זיין פאַר אייערע קעפּעלעך"...

פריי פון חדר, שיטן זיך אַרויס ווייסע חבֿרה אויפן הויף, ווי א מחנה פייגל, מיט א טומל, אַז הימל שפּאַלט זיך...

דער הויף איז באַוווינט פון בלויז יידן. די פיר־שטאָקיקע ווענט זענען פון קעלער ביזן דאַך באַזעצט דורכויס מיט יידן, נאָר איין גוי וווינט אין טויער אין א טונקעלן ווינקל, דער סטרוזש אַנטאַני.

א גוי, קיינער ווייס נישט ווי אַלט ער איז; און ווי אַלט ער איז, אַזוי פויל און ווי פויל, אַזאַ שיכור.

קליין, ברייט, בייכיק ווי א פעסל שנאַפּס. א קאָפּ — צו גרויס פאַרן קליינעם פעסל־גוף. אויגן — פאַרגאָסענע, רויטע און אונטער די אויגן — רונדע קישעלעך.

א נאָז — פלאַם פייערדיק רויט און וואָנצעס — צוויי בינטלעך שטרוי הענגען אַראָפּ לאַנג ביז העט איבערן האַלדז...

פאַרטשעפּעט ער זיך מיט ווייסע חבֿרה, רופן זיי אים: — פאַניע וואַנסי, פאַניע וואַנסי!...

ווערט ער אין כעס, טוט זיך אויפן הויף חושך. און אין כעס איז אַנטאַני שטענדיק, סיידן, אַז ער שלאָפט און שלאָפן שלאָפט ער גאָר א סך... אַנטאַני קומט יעדן פרייטיק צו־נאַכט צו יידן אויסלעשן די ליכט און סריגט דערפאַר פון יעדער יידישער שטוב א קעלישעק בראָנפן מיט פאַרבייסן. גיסט ער אַריין דאָס גלעזל מיט איין זי, פּאַסמאַקעוועט זיך, ווישט

אַז מיט אַ פּאָלע די וואָנצעס, פּאַרבייסט און ברומט אונטערן נאָז אַ הייזע־ריקן „דאַנק" און קערט זיך אום צו דער טיר מיט אַ פּזמון.

— זשידעס, פּשאַ קרעוו... און שטענדיק דער זעלבער פּזמון קיינעם אַרט עס נישט, אַ שיכור, שטענדיק אין כעס...

אַנגעטאָן גייט אַנטאָני סיי זומער, סיי ווינטער אין אַן אַלט, אָפּגעריבן, אָפּגעפּליקט פּעלצל, נאָר ווינטער, פּאַרגאַרטלט מיט אַ גראָבער שטריק און זומער — צעבראַשטשעט. אויף די אויסגעקרימטע פיס — אַ פּאָר גרויסע שווערע, פּאַרשימלטע שטיוול, וואָס קרעכצן נאָך יעדן טריט, ווי זייער באַלעבאָס נאָך יעדן קעלישעק...

אַנטאָני שלאָפט; ער האַלט אין איין שלאָפן; נאָך יעדן גלעזל אַ שלאָף און נאָכן שלאָף — אַ גלעזל...

די אַנטאָניכע, אַן איינגעדאַרטע, אין דרייען געבויגן דרייט זיך אַרום איבערן הויף מיטן גרויסן בעזים, שאַרט אין די ווינקעלעך און שווייגט...

וואָס זאָל זי טאָן, שטייט דער אַלטער אויף איז ביטער. אָדער געלעגן אויף דער לינקער זייט, אָדער געהאַט אַ בייזן חלום, אָדער מען האָט איבער־געהאַקט דעם שלאָף אין רעכטן מיטן בראָפּען — איז אָך און ווי צו דער אַלטער. קולאַקעס און סטוסאַקעס מיט קללות ווייסטע, וואָס זענען נאָך ערגער ווי די קלעפּ, פליען אויף דער אַלטער אַנטאָניכעס קאָפּ ווי אַ האָגל און זי... שווייגט...

אַנטאָני איז אייביק אין כעס אויף אַלעמען: אויף זיך, אויף דער ווייב, אויף אַלע רייכע שליאַכטיצים, אויף יידן און מער ווי אויף אַלעמען, אויף די יידישע קינדער, וואָס טומלען און לאָזן נישט שלאָפן.

אַ ליכטיקער, מיט זון־באַגאָסענער שבת־דיקער פרימאָרגן אויפן יידישן הויף, באַלד נאָך פּסח. דער הימל איז בלוי, קיין שפּרענקעלע, קיין סימן פון אַ וואָלקנדל... שוועבן אַרום אין מחנות שוואַלבן און צווישטשערן אויס אַ לוסטיקן, הילכיקן זומער־לעב... דער איינציקער בוים, וואָס שטייט אינמי־טן הויף אַ גאַנצן ווינטער, אַ נאַקעטער, אַ פאַרדאַרטער, אָן אַ סימן פון אַ בלע־טל, אויף די אויסגעקרימטע צווייגן, האָט פּלוצים אָנגעהויבן בליען... אַרום דעם מיסט־קאַסטן זשומען פליגן. אַזאַ געדיכטע כמאַרע, אַז מ'זעט קוים אַ שטראַל זיך דורכרייסן און מ'הערט קוים פון דער הויך דעם פייגל־געזאַנג... און די ווייסע חברה... ווי היישעריקן האָבן זיי אָנגעפילט דעם הויף און

צעט־אָגן אזא טומל, וואָס שרייט איבער סיי פויגל־געצווישטשער, סיי פליגן געזשים, אלץ, אלץ... טירן האָבן זיך צעפראלט און מיט א טעמפער פיס־געטופעריי זיך ארויפגעלאָזט הענדום־פּענדום אויפן הויף, אויף דער פריי... האָט עס נעדארפט פּאַסירן, ווען אנטאַני האָט געהאלטן אין סאמע רעכטן כראָפּן און... זיך אויסגעכאפּט. אראָפּ פון געלעגער, ארויפגעצויגן אויף די פיס די שטיוואלעס, אנגעטאָן דעם פעלץ און ארויס צו די קינדער אויפן הויף מיט נעביילטע פויסטן „פשא קרעוו" און מיט וויסטע קללות און די ווייסע חברה: — פּאַניע וואַנסי!... פּאַניע וואַנסי!... איז אנטאַני גאָר אריין אין דער רציחה, נעכאפּט דעם בעזים צו די ווייסע חברהניקעס און זיי — — — צעלאָפּן זיך אין אלע זייטן און פון די ווינקלען ארויס: — פּאַניע וואַנסי!... פּאַניע וואַנסי!... ביז מ׳האָט זיך אָנגעהויבן איבערקוקן און אָט... שטייט שוין איינער, א גרויסער ווייסער חברהניק הינטער דעם אלטן אנטאַני. פּאַניע וואנסי א שטויס... און אנטאַני ליגט אַן אויסגעצויגענער, חברה שלעפּט ארום דעם בעזים ווי א מלחמה־טראָפּיי און די אלטע אנטאַניכע שטייט, קוקט זיך צו און ברעכט די הענט.

אז די טאַטעס האָבן זיך דערוווסט פון דער „רעוואָלוציע" אויפן הויף, זענען זיי אראָפּ מיט רימענס און ס׳איז געוואָרן שטיל, שאַ־שטיל...

און אנטאַני? — שלאָפט...

עס האָט אים געפּייניקט...

וואָצעק דער שבת־גוי האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט איין מאָל פאַר אַלע מאָל: — אוים! פופציק יאָר געווען אַ שבת־גוי ביי יידן: — גענוג!

פופציק יאָר ביי יידן אַלע שבת לעשן ליכט, הייצן די הויוונס, טראָגן טשאָלנט: נאָך געווען אַ קינד, קוים געשטעלט אַ פיסל, האָט מען אים שוין דאַן געפירט פאַר אַ הענטל אין די יידישע הייזער און מ׳האָט אים געוויזן ווי צו פאַרלעשן אַ ליכט, צו מאַכן פייער אין דער הרובע, גיין נאָכן טשאָלנט און דערפאַר פלעגט מען אים געבן ווייסע חלה, פּענעצן טאָרט, צוקער, זאַלץ און ער פלעגט דאָס ברענגען דער מאַמען און די מאַמע פלעגט דאָס צונעמען, באַהאַלטן און זיך צלמען.

דעם טאַטן געדענקט וואָצעק נישט. די מאַמע האָט אים דערציילט, אַז דער טאַטע איז אין אַמעריקע און וואָס איז „אַמעריקע״ ווייס נאָך אַלץ וואָצעק נישט. ער פאַרשטייט נאָר. אַז דאָס איז אַ לאַנד פון וואַנען מען קערט זיך שוין נישט אום און אַפילו קיין בריוו שרייבט מען נישט... און אַז מ׳האָט אים דערציילט, אַז יידן קריגן בריוו פון „אַמעריקע״, האָט וואָצעק געברומט אונטערן נאָז: — דאָ ליכאַ, ניע פּראַוודאַ... און באַלד צוגעגעבן אויף יידיש: — „ליגון״... און אַז מ׳האָט אים איינמאָל געוויזן אַ לעבעדיקן אַמעריקאַנער, וואָס איז געקומען פון „אַמעריקע״, האָט ער זיך צוקאַכט: — „וואָצעק נישט קיין נאַר, וואָצעקן נישט נאַרן, נישט גלויבן וואָצעק, דאָ ליכאַ, אַ ליגון״... דאָס אַ ייד... דאָס נישט אַמעריקאַנער...״ און כאָטש צעהאַקט אים, האָט וואָצעק נישט געגלויבט.

אַז וואָצעק האָט גערעדט יידיש, האָט מען זיך געהאַלטן ביי די זייטן און וואָצעק האָט דווקא גערעדט יידיש, אַפילו צו גויים האָט ער גערעדט יידיש נאָך אַ גלעזל און גויים האָבן אים נאָכגעקרימט, אים אָריינגעשאָטן

און קאַלנער אַריין און געברומט אונטער די וואָנסעס: — „זשידאָווסקי פּאַראבעק, פּשא קרעוו"...

זעט יוֹאַצעק אין אַ שיינעם זומערדיקן פרימאָרגן, יידן קלייבן זיך צענויף, שפּאַצירן מיט פאַרלייגטע הענט אויף הינטן, שטעלן זיך אָפּ אין רעדלעך, מאַכן מיט די הענט און רעדן הויך אויפן קול; טראַכט וואַצעק:

— אהא, אַ פּאָגראָם, כיבא, אַ פּאָגראָם...

שבת איז וואַצעק געווינט געוועז צו זען יידן שפּאַצירן מיט פאַרלייגטע הענט אויף הינטן, זיך אָפּצושטעלן, מאַכן מיט די הענט און רעדן הויך אויפן קול. דעם טאָג, האָט אָבער וואַצעק געוווּסט, איז נישט שבת. אהא, וואַצעק האָט געוווּסט ווען עס איז שבת!...

הערט זיך וואַצעק צו. — ניין, נישט קיין פּאָגראָם... ליגט יוֹאַצעק צו אַן אויער און וויל כאַפּן אַ וואָרט און קען נישט. עפּעס רעדן זיי די יידן מאָדנע רייד: „גאָלעס... גאָלעס..." נעמט זיך וואַצעק אָן מיט קוראַזש, מאַכט זיך אַ כוח און פרעגט: — „אַ צאַ טאַ גאָלעס?"... יידן קוקן זיך איבער, צעלאַכן זיך און וואַצעק בלייבט שטיין מיט אַן אָפן מויל.

מיטאָמאָל רוקט זיך אַרויס פון געזעמל, בערל זייגערמאַכער, דער לץ פון שטעטל, הויך און דאַר ווי אַ לולב; שטעלט זיך אַוועק אַן אויסגעצויגענער און קוקט אַראָפּ צום איינגעשרומפּענעם גויעלע, וואָס שטייט אַ פאַרלעגנער מיט אַן אָפענעם מויל און ווייס נעבעך נישט וואָס דאָס איז גלות...

— הער, יוֹאַצעק, זאָגט ער צו אים פּאַמעלעך מיט אַ נעמאַכטן ערנסט אין טאָן, גלות איז, אַז יידן וועלן נישט דאַרפן וואַצעקן פאַר קיין שבת גוי...

— וואַצעק נישט זיין מער אַ שבת־גוי?! האָט אויסגעפּראַלט דער גוי, פאַרשיכורט פון נצחון.

— יע, און יידן וועלן נישט זיין מער אין גלות...

וואַצעק בלייבט ווידער שטיין מיט אַן אָפן מויל און אַ פינגער ליגט ער צו צום שטערן.

וואַצעק טראַכט. יידן קוקן זיך איבער און שמייכלען.

מיטאָמאָל גיט זיך וואַצעק אַ כאַפּ.

— אהא, פאַרשטיי שוין, פאַרשטיי שוין, יידן נישט אין גאָלעס... וואַצעק נישט אין גאָלעס... נישט לעשן ליכט, נישט מאַכן פייער אין כרובע, נישט טראָגן טשאָלנט, אויס־... פּופּציק יאָר, גענוג!...

און וואַצעק טרעט נישט אָפּ. וואַצעק וויל ווייסן וואָס איז גאָלעס,

וואס איז דאס הא, דא ליבא? ווו עס רעדט א ייד מיט א ייד, איז וואצעק אין דער מיט און וואצעק הערט, א מיניסטער פון אנגליא, א צא טא אנגליא, דא ליבא? האט דער מיניסטער צוגעזאגט יידן פאלעסטינא און ווו איז פאלעסטינא? א כיבא אין אמעריקע?...

און וואצעק האט אפגעמאכט: — „אוים!"...

אז דער שבת איז געקומען און יידן האבן געהאפט, אז ס'איז שוין דער לעצטער שבת אין גלות; אט הערט מען דאך שוין קלאר דעם שופר של משיח; אט זעט מען שוין בולט ווי עס שוועבט אין די ענני הרקיע דער גואל צדק; דערווייל אבער מוז מען נאך האלטן א שבת אין גלות און אט האפטו דיר, דער שבת־גוי שטרייקט נאר...

הייבט מען אן צו ווארפן די שולד איינער אויפן אנדערן:

— ס'טייטש מ'שפילט זיך מיט פייער; מ'נעמט און מען דערצייילט א גוי אזא מעשה?! און מ'איז געווארן מלא הימה אויפן זייגערמאכער, איי־בער אים בלייבט מען א שבת אין גלות אן א שבת־גוי. איז קהל אוועק צו בערלען גרייט מקיים פסק צו זיין זיין. בערל אבער גרייט זיך צו קבלת שבת, ווי קיינמאל גארנישט; הער אוים די גאנצע און שמייכלט:

— דאגהט נישט יידן.

— וואס הייסט עס, הא?

— צדוקן מיט בייקלען!

און באלד נאך קבלת שבת האט מען אוועקגעפירט צדוקן מיט בייק־לען צום זייגערמאכער און יעדערער איז אוועק צו זיינע בני בית מיט בט־חון, אז נישקשה, דער אייבערשטער וועט נישט פארלאזן דעם לעצטן שבת אין גלות.

אז וואצעק האט נאר אריינגעגאסן עטלעכע קעלישקעס, האט ער זיך געפאלגט דעם זייגערמאכער און זיך געלאזט נעמען אונטער די הענט פון די צוויי געזונטע בעל עגלה־יונגען און אזוי מיט כבוד, איז וואצעק אריינ־געבראכט געווארן אין יעדע יידישע שטוב, ברומענדיק אונטערן נאז:

— „יידן נישט אין גאלעס, וואצעק נישט אין גאלעס"... און יידישע ליכט זענען אויך דעם פרייטיק צו נאכט אויסגעלאשן געווארן, אז יידן האלן קענען הנאה האבן פון שבתדיקן שלאף; דערפאר אבער אויף מארגן איז אין שטעטל געווען טעאטער. יונג און אלט, קינד און קייט זענען ארויסגעגאנגען אין די גאסן זען, ווי וואצעק טראגט דעם טשאלנט און יונה דעם בעל עגלהס בנים טראגן וואצעקן...

יענעם שבת צו נאַכט איז וואַצעק אָוועקגעפאַלן אַ געהרגעטער, געכראַפּעט און געשנאָרכעט און גערעדט פון שלאָף:

— „יידן נישט אין גאַלעס, וואַצעק נישט אין גאַלעס...״

יענעם זונטיק איז וואַצעק נישט געגאַנגען אין דער קאַפּליצע. ער האָט פון אָרט נישט געקענט אויפשטיין, האַלב פאַרשלאָפן, האָט ער זיך געדרייט אויפן שמרוי זאַק און זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען:

— „דאָ ליכאַ, דאָ ליכאַ...״

וואַצעק האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ שטאַרקן ווייטיק אין רוקן, ווי אַ שאַרפער מעסער וואָלט זיך אים איינגעשניטן אין דער זייט. ער האָט געקרעכצט און געוואָרטשעט, ביז ער האָט זיך ווי אַ קליין קינד צעוויינט.

שכנים האָבן רחמנות געהאַט אויפן עלנדן גוי און מ׳האָט אים אַריינגעבראַכט אַ קעלישעק, מ׳האָט אים איינגערייבט מיטן שעפּסענעם פעלץ און מ׳האָט אין אים אַריינגערעדט:

— שלאָף, וואַצעק, שלאָף, ס׳וועט דיר איבערגיין...

וואַצעק האָט שוין אָבער נישט געקענט איינשלאָפן; זיינע ליפּן האָבן כסדר געשעפּטשעט: — „יידן נישט אין גאַלעס, וואַצעק נישט אין גאַלעס...״

און דער גוי האָט זיך געקאַרטשעט און געדרייט אין דרייען. עס האָט אים געפּייניקט דער נצחון...

לייבעלע טענצער

ווער האָט עס נישט געקענט דעם קעניג פון די וואַרשעווער **משוגעים**, לייבעלע טענצער? יעדע שטאָט האָט איר משוגענעם. וואַרשע האָט **אָבער** געהאַט משוגעים צו פאַרטיילן אַ מדינה, איינער איז אָבער געווען **דער** שטאָט־משוגענער — לייבעלע טענצער.

ווער האָט אים נישט געקענט?

ווער האָט אים נישט געזען כאָטש איין מאָל?

ער האָט געשמט ווי להבדיל אַ גוטער ייד... און אומעטום איז ער פול געווען, ווו מ'האָט זיך אמווייניקסטנס געריכט, איז ער מיטאמאָל אויסגע־וואַקסן און ר'איז דאָ... אַ נידעריקער, פלינק ווי קוועק־זילבער, זיינע טריט זיינען געווען געשיקטע; ער פלעגט אָדער טאַנצן אָדער אונטערשפרינגען, דאָס איז געווען זיין גאַנג.

די הלבשה זיינע איז באַשטאַנען פון אַן אָפּגעטראָגענעם צילינדער, אַרומגעפּוצט מיט אַלערליי קאָלירטע פעדערן און פון אויבן אַראָפּ זענען אַרומגעהאָנגען גלעקעלעך — — — און דאָס גלעקל בערדל איז געווען פיין פאַרקעמט — — —

און אויפן גוף! — אַן אַלטער, אָפּגעריבענער „פראַק" אַרומגענאַרמלט מיט אַ רויטער פּאַטשיילע. אין אַ פאָדערשטער קעשענע פון פראַק האָבן גע־שטעקט אַלערליי קאָלירטע קעמעלעך. די הויזן — צונויפגעשטוקעוועט פון אַלע קאָלירן — אַ מאָזאַיק...

שיך — פון מלך סאָביעסקים צייטן...

קינדער האָבן אים ליב געהאַט.

פאַר זיי איז ער נישט געווען קיין משוגענער.

חלילה!

ס'איז זיי גאָר נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן וועגן לייבעלען **עפּעס**

שלעכטס. אזא גוטער, טשעפּעט נישט קיין פליג. נישט מער, אז מען קומט צו אים צו א ביסל צו נאָנט, טרייבט ער אָפּ מיט א פּייטשעלע.

נאָר קעגן די הינט, וואָס ווילן אים בייסן, הייבט ער אויף דעם גראָבן שמעקן, וואָס ער האלט הינטערן אָרעם ווי א פּראָנט — — —

קינדער ווייסן, אז לייבעלע איז א טענצער און אנדערע זאָגן, אז ער איז דער גרעסטער טענצער, נישטאָ קיין טאַנץ, ער זאָל נישט קענען... בעטן אים קינדער:

— לייבעלע טאַנץ!

ווי עס זאָל נישט זיין, אויפן הויף צי אויפן מיטן גאַס, לאָזט זיך לייבעלע נישט לאַנג בעטן; גיט זיך א דריי, מאַכט א רעוועראַנס, מיטן שטעקן אָנגעצייכנט א קרייז און די קינדער רוקן זיך פונאַנדער, פּליעסקען מיט די הענט און לייבעלע טאַנצט.

און אז קינדער גיבן א קאָפּיקע, צוויי, דריי, צי א שטיקל ברויט, א זעמל, צוקער — טאַנצט דאַן לייבעלע וויפל מ'וויל און וואָס מ'וויל. א וואַלס איז א וואַלס; א פּאָלקע, איז א פּאָלקע; א מאַזורקע איז א מאַזורקע און קינדער קווענלען און ווערן נישט מיד צו פּליעסקען מיט די הענט...

טייל קינדער טאַנצן מיט און עס ווערט א „חתונה״ אויפן הויף...

מאַכט זיך אַמאָל, אז עס קומט אויפן הויף יונה מיט דער קאַטערינקע.

יונה איז א לאָמער; טראָגט ער דערפאַר די קאַטערינקע אויף א זייט און אז ער שטעלט אַוועק די קאַטערינקע, גלייכט ער זיך אויס און מ'דערקענט נישט, אז ער לאָמט — —

— יונה איז שוין אַלט און זיין בערדל איז שוין פון אַש־קאָליר און זיין קול איז הייזעריק; פונדעסטוועגן שלעפּט ער נאָך אויף זיך די שווערע קאַטערינקע, לאָמט פון הויף, צו הויף, שפּילט און זינגט אויפן הייזעריקן קול:

— נאַ טשטאָ מעניע מאַט ראַדילאַ... און קונדסים שפּרינגען פון די טרעפּ, גלימשן זיך אַראָפּ פון די פּאַרענטשעס און פליען אַראָפּ אויפן הויף, ווי די רוחות און רינגלען אַרום יונהן מיט דער קאַטערינקע.

אין דער זעלבער צייט דערהערט זיך פון גאַס א לאַנג־אויסגעצויגענער קלינגענדיקער קול:

— סאַאַאַכאַרנאַיע מאַראָאָאָזשינאַיע!... און עס באַווייזט זיך איוואַן איוואַנאָוויטש מיטן פּעסל אויפן קאָפּ.

איוואַן איוואַנאָוויטש איז א קאַצאַפּ, א ריז, זיין פּנים איז שטענדיק

פאַרדויטלט, ווי ביי אַ שעמעוודיק מיידל און די אויגן זיינע — בלויע, מילדע, שמייכלענדיקע. דאָס העל בלאָנד בערדל איז פיין פאַרקעמט און די דראָבנע וואָנסעס, פאַרגלעט. אָנגעטאָן ציכטיק און אין שאַרפע קאָלירן. אַ רויטע רובאַשקע אַרומגענומען מיט אַ העל־בלויען קוטאַס מיט פּאָמפּאָנעס...

די ברייטע הויזן (ביי איוואַן איוואַנאָוויטשן הייסן זיי שאַראַוואַרן) זיינען טונקל־בלוי און קאַליפּיימעסיק פאַרשטעקט אין הויכע, גלאַנצנדיקע שטיוול.

אויפן קאָפּ טראָגט ער אַ קליין, רונד, גרוי, באַראַנקאַווע היטעלע; אויפן היטעלע — אַ שוואַרצער, לעדערנער בייגל און אויפן בייגל שטייט אַ פעסל און דאָס פעסל שטייט אַליין, נים זיך נישט קיין ריר, ווי שנעל איוואַן איוואַנאָוויטש זאָל נישט גיין...

לאַכט מען: — איוואַן איוואַנאָוויטש האָט אַן אייזערנעם קאָפּ צו טראָגן מאַראָזשינע...

און אַזוי ווי ליבעלע טענצער און יונה קאַטערינשטשיק, איז אויך איוואַן איוואַנאָוויטש גוט צו קינדער.

און ווער ס'איז גוט צו קינדער, דעם האָבן קינדער ליב, שמייכלען, גייען צו, לויפן אַנטקעגן...

— איוואַן איוואַנאָוויטש, קאַפּייקו.

און איוואַן איוואַנאָוויטש איילט זיך נישט, שמייכלט, באַווייזט די קינדער די קונץ, ווי ער שפּאַנט, מיט דער רעכטער האַנט הינטערן באַק און מיט דער לינקער האַנט אַ האַסטיקע באַוועגונג צום טאַקט און זינגט אויס:

— סאַאאַכאַרנאָיע מאַראָאָזשינאָיע...

און אַז קינדער לויפן אים נאָך און די מחנה ווערט גרויס, שטעלט ער זיך אָפּ אויפן רעכטן מיטן הויף, כאַפּט אַראָפּ ס'פעסל פון קאָפּ, עפנט אויף און נים וואַפליעס, און אַז אַ קינד דינגט זיך:

— מאַלאָ...

— שמייכלט ער און ציט אויס מיט אַ ניגון:

— מאַאאַלאָ?

און דערלייגט מאַראָזשינע...

טרעפן זיך צונויף יונה קאַטערינשטשיק מיט איוואַן איוואַנאָוויטשן און ס'איז אין אַ הייסן זומער פאַרנאַכט; די קינדער זענען פריער פריי געוואָרן פון חדר, ווייל די המימה איז נישט צו פאַרטראָגן, איז לעבעדיק אויפן הויף און אינמיטן דערין באַווייזט זיך ליבעלע טענצער — —

יונה שפּילט אויף דער קאַטערינקע און זינגט אויפן הייזעריקן קול:

— נאַ טשטאָ מעניע מאַט ראָדילאַ...

איוואַן איוואַנאָוויטש ציט אוים אויף די העסכטע טענער:

— סאַאַכאַרנאַיע מאַראָאָזשינאַיע!

קינדער פּליעסקען און לייבעלע טאַנצט...

ווער ס׳האָט יענע סצענע נישט געזען, דער האָט נאָך קיין שיינס נישט געזען...

מיטאַמאָל איז לייבעלע טענצער פאַרשוווּנדן געוואָרן. ווי אין ים אַריין: מ׳זעט אים נישט פאַרן ליכטיקן שיין — — —

דערציילט מען, אַז אויף סטאַווקע איז געווען אַ געשלעג — יידן מיט גויים, איז אָנגעקומען לייבעלע טענצער, איז ער אַריין אין געזעמל און צעביסן די גויים ביז בלוט — — — איז אים אונטערגעקומען אַ שגץ מיט אַ מעסער — — — אַזוי דערציילט מען...

פרעגן קינדער:

— ס׳איז אמת?

— יוער ווייס?

— ס׳קען זיין!

— ס׳איז אמת — — אמת און ס׳געפינען זיך עדות, וואָס האָבן אַליין געזען.

טענהן גרויסע: — געווען אַ משוגענער.

זאָגן קינדער: — ניין, נישט אמת! אַ גוטער געווען לייבעלע טענצער!

און קינדער לאָזן אַ טרער — —

מענדל קאַברינער

מענדל קאַברינער האָט געפּראַלט מיט די הענט. ווי אַ ווינט־מיל מיט די פליגלען, לויפנדיק איבער די גאַלעריקעס, מיטן קאָפּ פאַרוואָרפן אין אַ זייט און די אויגן פאַרזשמורעט נישט צו זען חלילה אַן אשה...

אַ פלאַם־פייערדיקער קאָצקער חסיד, פון די, וואָס האַלטן מתנגדות פאַר אפיקורסות און כאָטש זיין שווער איז אַ גערער און שוין נישט אַזאַ פאַרדבקהטער, נו איז וואָס? האָט זיך מענדל קאַברינער זיין דרך.

ס'ווייב וואָלט אים שוין אפילו מוחל געווען זיין דבקות.

— וויפל איז דער שיעור?... אַזוי זיך אַריינצולאָזן מיטן גאַנצן לייב און לעבן?...

און אַז זי האָט גענומען אין אים אַריינרעדן, האָט ער אָנגעהויבן אַ ביסל נאָכגעבן.

פון דרך אַ האָר נישט. חלילה!

צום מסחר אָבער, האָט ער זיך יאָ גענומען און ווי דער שטייגער ביי מסחר דאַרף מען דאָך האַלטן די אויגן אָפן, האַלט מען אָפן... האָט מענדל זיך גענומען שיקן מעל קיין אויסלאַנד, גאַנצע וואַגאָנעס; אַ וואָך נאָך אַ וואָך אַ וואַגאָן מעל. מענדל קאַברינער, אַז ער האָט זיך שוין אַ נעם געטאָן צו מסחר, האָט ער געפירט ברייט, מיטן חסידישן ברען! איז גאָרנישט קיין חידוש! אַז מענדל קאַברינער איז געוואָרן אַ גביר און דער שווער איז צו־געשטאַנען פאַר אַ שותף.

האָט שוין וואַרשע געקאָכט מיט דער נייער מעל־פירמע „טיקאָטשינסקי אי קאַברינער". מ'האָט שוין געשמועסט אויף דער בערזשע, אַז זייערע מסחרים גייען אין די מיליאָנען!...

און אַז געלט איז געלעגן אין די בענק, האָט מען געקויפט הייזער און אַז ס'איז נאָך אַלץ געבליבן געלט אין די בענק, האָט מען אַוועקגעגעבן

אויף פּראָצענט, נאָר נישט קיין יידן; ביי יידן טאָן מען נישט נעמען קיין פּראָצענט. מען טאָר דאָך נישט עובר זיין אויף „לא תתן לו בנשך"... האָט מען אָוועקגעבאָרגט מלכות. אגב קען א מאָל דערפֿון ארויסקומען א טובה פֿאַר יידן...

מאַכט זיך א מאָל א מעשה, אַז דער גובערנאַטאָר הייסט פֿאַרמאַכן אַלע חדרים. דער תירוץ: — „היגיענע"... נישט ריין...

קומט מען צו גיין צום אַלטן, טענהט ער.

— רעדט מיט מיין איידים.

זיצט מען אין קאַנטאָר און מ׳וואַרט ביז מענדל קאַברינער וועט קומען פֿון שטיבל.

קומט מענדל קאַברינער פֿון שטיבל; דערציילט מען אים אַזוי און אַזוי;

— א חילול השם... אַלע וואַרשעווער חדרים זענען פֿאַרמאַכט... יידישע קינדער לויפֿן אַרום פּוסט און פּאַסט אין די גאַסן... א חילול השם, רב מענדל! גיט מענדל קאַברינער א קנייטש דעם שטערן און מאַכט צו די יידן:

— גייט אַהיים, ס׳עט זיין גוט!

— וואָס הייסט?

— פֿרעגט נישט, טוט וואָס מענדל קאַברינער הייסט...

און באַלד ווי די יידן זענען נאָר אַוועק, האָט מענדל קאַברינער נעכאַפּט אויף זיך די שבתדיקע קאַפּאָטע און איז גלייך אַוועק צום גובערנאַטאָר: די קאַפּאָטע האָט ער פֿאַרקנעפּלט אויף אַלע קנעפּלעך. דער ווינט האָט אים סיוווי צעפּאַטלט די לאַנגע, שוואַרצע באָרד, האָט ער זיך עטלעכע מאָל צוגעגלעט די באָרד און ווייטער געפּראַלט מיט די הענט און האַסטיק געשפּאַנט. אין האַרצן האָט ער געטראַכט: — מצוה הבאה לידך אל תחמיצנה... מ׳דאַרף עס מאַכן שנעל...

מענדל קאַברינער קומט צו נאָנט צום גובערנאַטאָרס קאַנצעלאַריע, באַטאַפּט ער זיך די רעכטע בוזים־קעשענע.

— ס׳איז דאָ...

די ליינסע.

ס׳איז דאָ... און מיט שנעלע טריט אַרויף אויף די ברייטע שטיינערנע טרעפּ.

זיצט מענדל קאַברינער אין גובערנאַטאָרס קאַנצעלאַריע און רעדט אויף א געבראָכענעם רוסיש:

זדראַוויע, גאָספּאָדין גובערנאַטאָר...

— ניטשעוואָ... און דער גוי שמייכלט.

שטעקט מענדל קאברינער אריין די לינקע האנט אין דער רעכטער בוזים־קעשענע און נעמט ארויס א קעסטל עכטע אמעריקאנער ציגארן און שטעלט עס אוועק אויפן טיש.

— זאקוריט גאספאדין גובערנאטאר...

און דער גוי וויקלט אויס פון זילבער־פאפיר א ציגאר און באטראכט אים פון אלע זייטן.

— אמעריקאנסקאיע, גאספאדין גובערנאטאר...

און דער גוי שמייכלט.

שטעקט מענדל קאברינער אריין די רעכטע האנט אין דער לינקער בוזים־קעשענע און נעמט ארויס א וועקסל אויף טויזנט רובל און האלט דעם וועקסל ריכטיק דעם גובערנאטאר אנטקעגן פנים.

דער גוי הערט אויף צו שמייכלען, גלאצט אויס א פאר גרויסע, וואסעריקע אויגן; זיין אונטערשריפט... נעכטן פארשיכורט ביז א קאפיקע און איצט — — — נאדיר גאר א וועקסל...

מענדל קאברינער שמייכלט:

— ניטשעווא... זאקוריט, גאספאדין גובערנאטאר... זאקוריט... און ער נעמט א שוועבעלע און צינדט אונטער דעם וועקסל און — — — מיטן פלאם גיט ער דעם גובערנאטאר צו פאררייכערן דעם עכטן אמעריקאנער ציגאר...

— ספאסיבא... ספאסיבא... איז דער גוי גערירט און באלד נאכדעם גיט ער זיך אזוי א זאג אפ מיט א ווייכן קול:

— נו טשטא ווי זשעלאיעטיע?

גיט זיך מענדל קאברינער א הייב פון ארט און טוט א זאג צום גובערנאטאר מיטן הארבן ווארט:

— די שקאלעס עפן, גאספאדין גובערנאטאר, נאשי, אונדזערע שקאלעס! און דער גוי האלט שוין א גלעזל משקה אין האנט; גיט א זופ און וויל דערלאנגען א גלעזל דעם יידן.

מענדל קאברינער שטעלט צוריק דאס גלעזל און הערט נישט אויף צו שריען:

— די שקאלעס!

— נו כאראשא, כאראשא... בעט זיך שוין דער גוי, שריי נישט אזוי, מען וועט דאך דערהערן...

און מענדל קאברינער לויפט שוין צוריק און אז ער קומט אויף די גאלעווקעס צעפראלט ער די הענט, ווי פליגלען פון א ווינט־מיל און די

אויגן רייסט ער אויף ברייט. אפשר וועט ער דערזען א גבאי פון א חדר צי פון א תּלמוד־תּורה.

אין קאַנטאָר האָט מען שוין געוואַרט.

אַז מ׳האָט דערהערט די בשורה האָט מען באַלד געמאַכט א לחיים.

און ייִדן האָבן געלויבט פּאָרן שווער:

— אייער איידעם איז א מלאך! און מענדל קאַברינער זיצט דערווייל ביים שרייב־טיש און חשבונט אויפן פּאַפּיר. צוגעקלערט א נייעם מסחר דער טוויזנטער איז שוין געדעקט.

— און איצט, הערט ייִדן, רופט צענויף די מלמדים און זאָגט זיי אָן מיטן הארבן וואָרט, אַז זיי זאָלן למען השם האַלטן ריין די חדרים, זאָגט זיי, אַז מענדל קאַברינער האָט געהייסן, איר הערט!?

און אַז די ייִדן זענען אַוועק, מאַכט מענדל קאַברינער צום שווער:

— שווער, ס׳האָט געקאָסט א טויזנטער, אַז די רביצין זאָל מער נישט פּליקן קיין עופות אין חדר...

— איי מענדעלע קאַברינער, צעלאַכט זיך דער שווער אַזוי, אַז די יאַרמולקע האַלט זיך ביי אים קוים אויפן קאָפּ, איי מענדעלע קאַברינער!...

אָפּגעשטעלט דעם זייגער...

איטשעלע זילבערשטיין, דער שניט־קרעמער האָט געהאַט אַ שם אין שטעטל פאַר אַ פאַרברענטן חסיד, אַ מרה שחורה, אַ מוראַדיקן שווייגער, אַ רענדל אַ וואָרט.

דערפאַר איז זיין ווייב זלאַטע ארומגעגאַנגען מיט אַ בינטל שליסלען אונטערן פאַרטוך, גערעדט געשיינט און קיינמאָל נישט געשאַנעוועט אַ שמייכל און אַ גוט וואָרט... די סוחרטע איז זי געווען, נאָר אין זיין זכות.

— מיין מאַן האָט אָנגעקויפט אַביסל צעלניק, גאָלד! — האָט זי איינמאָל אָפּגעלויבט איר מאַן פאַר די קונים, כאָטש איר מאַן האָט גאָרנישט געוווּסט פון דער קניה... — זאָל איך פאַרקויפן דעם לייוונט פאַר 20 גראָשן אַן אַרשין איטשעלע?

— מילא...

און זי האָט פאַרקויפט און געציילט די גראָשנס מיט אַ זיפץ:

— אַז מיין איטשעלע הייסט...

אַ בת יחידה האָבן זיי געהאַט, אסתר, אַ פּופּצן יעריק מיידל, אַ ברען! אָט איז זי אין שטוב און מיט איין שפּרונג — אין קראָם און אָט איז זי שוין נישטאָ...

— אסתר?

— זאָרג נישט, איטשעלע, געגאַנגען צו אַ חברטע, דאָ באַלד, זיך נישט זוימען, קומט שוין צוריק, איטשעלע.

— אַ חברטע... חברטע... דער אַלטער האָט זיך געברוגזט און געשוויגן...

האָט אסתר אין אָוונט געוואָלט אַרויסגיין פון שטוב האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ פאַרהער:

— צו וועמען?

— צו וואָס?

— פאַרוואָס קומט נישט דיין חברטע צו דיר, אַ? — האָסט אויך אַ שטוב!...

און די מאַמע פלעגט פאַרענטפערן:

— לאָז איטשעלע, זי וועט נישט פאַרלירן ווערן, שוין קיין עין הרע אַ גרויס מיידל! און מיט אַ גוט וואָרט און מיט אַ שמייכל פלעגט די מאַמע שטענדיק אויספירן; דער טאַטע פלעגט זי אָבער בעטן:

— אסתרל קום נישט שפּעט! און אינדערשטיל צוגעבן:

— דער טאַטע וועט זיין בייז...

אסתר האָט זייער ליב געהאַט אירע חברטעס, מיט וועלכע זי האָט געלערנט אין דער שטאַטישער שול, פלעגט נאָך זיי בענקען און זיי געמוזט אָפּט זען, אָבער נישט אויף לאַנג; זי האָט געוווּסט, אַז טאַטע מאַמע לאָזן איר פון אויג נישט אָפּ, אַ בת יחידה...

פלעגט זי אַ לויה טאָן צו אַ חברטע, זיך אַרומגעכאַפּט צעקושט, זיך געסודעט עטלעכע מינוט, זיך צעלאַכט און פאַרשוווּנדן... אַריינגעלאָפן אין שטוב אַ רויטע ווי אַ ווינטעלע און באַלד ווידער אוועק... אַזוי האָט אסתר ווי אַ צאַרט פרילינג ווינטל אַרומגעפלאַטערט פון טאַטע מאַמע צו חברטעס, צוריק און ווידער... און אַזוי אַ פלאַטערנדיק פלעגט זי אַמאָל פאַרגנבענען אַ בליק צו אַ בחור, אַמאָל אַ שמייכל און, אַז עס איז געוואָרן טונקל און קיין זייטיקע אויגן האָבן נישט געקוקט פון ערגעץ, פלעגט אסתר אַנשטאָט מיט אַ חברטע כאַפּן אַ שמילן שמועס ווי אַ בלעטער־געפּליסטער אין דער אָוונט־שטילקייט, מיט אַ בחור...

אין די הייסע זומער טעג האָט זיך אין שטעטל באַוויזן משהלע בריסקינס. אַזוי ווי יעדן זומער, איז ער אַהיימגעקומען פון וואַרשעווער גימנאַזיע אויף וואַקאַציע; משהלע בריסקינס, 17 יאָר, הויך ווי אַ סאָסנע און אַ ברונעט מיט פייערדיקע אויגן; האָבן מיידלעך געקלעפּט צו משהלען, ווי בינען צו האָניק, משהלע האָט אָבער געוואָרפן ציגיינערשע בליקן צו דער פלאַטערנדיקער אסתרל, וועלכע האָט אים בגנבה צוגעשמייכלט און

ווייבער אין שטעטל האָבן זיך געסודעט:

— וואָס זאָגט איר אויפן פּאָרל?

— וואָס זאָגט איר צו אסתרן מיטן וואַרשעווער גימנאַזיסט?

און אַנדערע האָבן צוגעבאָמקעט:

— אַ גוטער שידוך...

ביז דער סוד איז דערגאַנגען צו זלאַטען און איר האַרץ האָט געציטערט:

— זאָל זיך דער טאַטע נאָר נישט דערוויסן...

און דער טאַטע האָט זיך דערוווּסט...

איז איטשעלע זילבערשטיין געוואָרן נאָכמער פאַרמרה־שחורהט, פאַרביסן געשוויגן און בייז אַריינגעבראָמט אין דער געדיכטער שוואַרץ סאַמעטענער באָרד אַריין:

— ליובסעס... ליובסעס...

פלעגט אסתרל די גאַנצע אָוונטן בלייבן אין שטוב, ווי אַ פייגעלע אין אַ שטייג...

איר יונג הערצל האָט זיך געצאַפּלט און אירע בלויע, דורכזיכטיקע אויגן האָבן איינגעזאַפּט דורך דער טונקעלער נאַכט משהלעס פייערדיקע בליקן... אירע רויטלעכע בעקלעך האָבן ווי פייער־קוילן געגליט... זי איז שעהן לאַנג געזעסן ביים פענצטער און געקוקט אין דער נאַכט אַריין מיט שטומע בליקן...

זלאַטע האָט טיף אין האַרצן געפילט איר טאָכטערס צער, זי האָט געקוקט אויף אסתרן און זיך דערמאָנט, אַז אויך זי האָט געליטן, ווען זי איז אַלט געווען 15 יאָר.. פאַר איר האָבן אויפגעטויכט חלומות פון איר יוגנט און זי האָט דערפילט איר טאָכטערס ליידן, ווי אירע איינענע... זיך קעגנשטעלן איר מאַנס רצון האָט זי אָבער נישט געקענט, דערצו האָט זי קיין כוח נישט געהאַט און אַזוי האָט מען איר דערצויגן... מיטאָמאָל — אסתרל איז נישטאָ...

— ווי אַזוי איז דאָס געשען? — זי האָט זיך דאָך נישט איבערגעטאָן!

— אפילו דאָס פאַרטעכל נישט אויסגעטאָן...

אסתר האָט זיך דערוווּסט, אַז די וואַקאַציעס האָבן זיך אויסגעלאָזט, מאָרגן פאַרטאָג פאָרט משהלע אַוועק און זי וועט אים נישט זען ביזן אַנדערן זומער... אירס אַ חברטע האָט איר צו וויסן געטאָן, אַז ער וויל איר זען, זיך געזעגענען... פלינק ווי אַ קאַץ, אינם פאַרטעכל אָנגעטאָן, אַרויס פון שטוב און אין דער פינצטער געשלייכט דור זייטיקע געסלעך ביז זי איז צוגעקומען צו משהלעס שטוב; מיט אַ ציטערדיקער האַנט אָנגעקלאַפּט אין טיר און אין טונקעלן פאָדערצימער האָבן צוויי יונגע הערצער געפלאַטערט און יונגע ליפּן האָבן זיך באַהאַפטן אין אַ הייסן, לאַנג דויערנדיקן קוש...

אין דער היים האָט זלאַטע איינגערעדט איר מאַן, אַז אסתרל שלאָפט

שוין אין איר אַלקערל, אַליין אָבער קיין אויג נישט צוגעמאַכט; אין דער פינצטער האָבן אַרומגעשוועבט בילדער פון איר יוגנט; זי איז אויך געווען, ווי איצט אסתרל, אַ פייגעלע אין אַ שטייגל... זי האָט אָבער קיין כּוח נישט געהאַט זיך אַרויסצורייסן אויף דער פריי...

ווען זי האָט דערהערט איר טאָכטערס שטילע, פאַרזיכטיקע טריט אין דעם אַלקערל, האָבן אירע ליפּן געשעפּטשעט: — זאָל זיך גאָר איטשעלע נישט אויפכאַפּן.

אסתר האָט זיך אָנגעשטרענגט צו הערן אַ שאָרך פון יענעם צימער ווו טאַטע־מאַמע שלאָפן; — שאַ, שטיל, מען שלאָפט...

מיטאַמאָל האָט אַ גערדאַנק איר אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ און נישט געלאָזט רוען.

— דער זייגער...

איבער איר שלאָף־באַנק איז געהאַנגען אַ גרויסער וואַנט־זייגער מיט שווערע געוויכטער און יעדע שעה האָט דער זייגער בייז און מרה־שחורה־דיק אויסגעשלאָגן: בום־באָם, בום־באָם!...

פאַרן געזעגענען זיך האָט משהלע אַ קוק געטאָן אויף זיין גאָלדענעם זייגער; עס איז שוין געווען צען מינוט צו צוויי און אָט וועט באַלד דער זייגער אויסשלאָגן צוויי, דער טאַטע וועט זיך אויפכאַפּן...

קיין צייט צו טראַכטן איז נישטאָ...

אסתר האָט פלינק אויסגעטאָן אירע שיכלעך, אַרויף אויפן שלאָף־באַנק און — אָפּגעשטעלט דעם זייגער...

פאַרטאָג האָבן זיך דערהערט דעם טאַטנס שאָרן מיט די שטעקשיך און באַלד זיין הייזעריקער קול מיט אַ ברום אונטערן נאָז:

— זלאַטע, זע נאָר, דער זייגער שטייט דאָך, ערשט נעכטן אין אָוונט אָנגעשטעלט, אַה!

אסתר האָט זיך געטוליעט מיטן איבערן קאָפּ איבערבעט, איר פּנים האָט געפלאַמט און איר האַרץ האָט אַנשטאָט דעם זייגער, האַסטיק געקלאַפּט:

— טיק־טאַק, טיק־טאַק, טיק־טאַק!

א סילוועסטער-נאַכט

אין דניאלס אויגן האָט בעלאַ אויסגעזען אמאָל ווי אַ גייסט, וואָס פלאַטערט ערגעץ ווייט, קוים מיטן אויג צו דערגרייכן; אמאָל ווי שטראָל, אָפּגעריסן פון דער זון, שוועבט, צאַפּלט זיך און בלענדט די אויגן און אמאָל ווי אַ רוישיק וואַסערל אין טאָל...

דניאל ווײַנבערג אַ סטודענט פון לעצטן קורס פון וואַרשעווער מעדיצינישן פאַקולטעט, האָט זיצנדיק איבער אַ דיקן מעדיצינישן בוך, אויף אַ ווײַל פאַרקלעמט די אויגן און זיך פאַרגעשטעלט:

„שוין נישט מער סטודענט דניאל ווײַנבערג, געענדיקט... דאָקטאָר ווײַנבערג און בעלאַ איז מײַנע, די פרוי פון דאָקטאָר ווײַנבערג..."

ער האָט זיך דערמאָנט אין די גימנאַזיסטישע יאָרן. ער — זיבעצן. זי — פופצן; ער, אַ יונג — אַ ברען, אַ שוואַרץ פייער... זי, אַ גאָלד־בלאָנדער פלאַטער מיט בלויע אויגן...

זיך באַקענט ביים טויער פון דער מיידלשער גימנאַזיע. ער מיט אַ גרופּע קאָלעגן, גימנאַזיסטן; זי מיט חברטעס פון גימנאַזיע. זײַנע אויגן האָבן געוואָרפן פונקען, אירע — האָבן געלאַכט... שפּעטער האָט מען זיך באַגעגנט אויף דער ביעלאַנסקאַ־גאַס. ווידער האָבן אויגן גערעדט און דערנאָך — אָוונטן אין זאַקסישן גאָרטן... ווינטער אויפן גליטש...

מיטאַמאָל איז בעלאַ פאַרשוווּנדן געוואָרן. שוין אַ יאָר ווי ער זעט איר נישט מער... יאָ, איינמאָל האָט ער איר באַגעגנט אויף „נייוועלט" אין די אָרעמס פון אַ פלאַקס־האָריקן, קריטלעכן סטודענט... זיי זענען אים אַנגעקומען ריכטיק וויזאַווי... ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיי שאַרף נאָכגעקוקט, גיך זענען זיי דאָן פאַרשוווּנדן פון זײַנע אויגן... אַ לאַנגע צײַט איז ער געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער.

— איז עס נישט קיין חלום?... איז עס זי, די בת יחידה פון די זאַס־

לאווסקיס?... די חסידישע טאָכטער?...
מער האָט ער בעלאַן נישט געזען.
דניאל ווײַנבערג האָט אויסגעמיטן צו פײַערן נישט־ייִדישע יום־טובים, זײַנע עלטערן, גוטע פּוילישע פּאַטריאָטן, האָבן אָבער געוווּסט ווו עס ליגט די גרענעץ צווישן ייִד און קריסט און אַזוי האָבן זיי דערצויגן זייער דניאל. ער האָט געוווּסט, אַז ער דאַרף זײַן טרײַ דעם לאַנד אין וועלכן ער איז געבוירן און דערצויגן; ער טאָר אָבער נישט פֿאַרגעסן, אַז ער איז אַ ייִד!
פֿון קיין קריסטלעכן נײַ־יאָר און פֿון קיין סילוועסטער־נאַכט האָט מען אין ווײַנבערגס היים נישט געהאַלטן.
— נישט אונדזער יום־טוב! האָט דער אַלטער ווײַנבערג פֿאַרזאָגט מיטן האַרבן וואָרט און די פֿאַמיליע ווײַנבערג איז געבליבן אין שטוב. אין אַזעלכע אָוונטן זענען פֿרײַנד געקומען, מ׳האָט געמאַכט אַ קערטל און מ׳האָט זיך געוויצלט אויפֿן טרויעריקן חשבון פֿון דעם אונדזעריקן, ווען מען אַ וועלט פֿאַרנעמערט און אין דער זעלביקער צײַט, ווערט נעפּײַניקט דאָס פֿאָלק, פֿון וועלכן ער שטאַמט...
אין אַזעלכע אָוונטן פֿלעגט דניאל בענקען נאָך בעלאַן.
— זי פֿאַרברענגט ערגעץ און ווער ווייסט מיט וועמען?... ער האָט פֿאַרקלעמט די אויגן און געזען אין דער פֿאַנטאַזיע אַ בילד, וואָס האָט אים געמאַכט ציטערן אַלע גלידער... בעלאַ אין די אָרעמס פֿון דעם פּלאַסט־האַריקן...
די סילוועסטער־נאַכט דערנענטערט זיך. דניאל באַשליסט: דאָס מאָל מוז ער פֿאַרטרינקען זיך, פֿאַרגעסן... די עלטערן שווײַגן... שטערן נישט.
די סילוועסטער־נאַכט.
וואַרשע איז אײַנגעהילט אין אַ שוואַרצן מאַנטל דורכגעשפּרענקלט מיט ווײַסע, פּוכקע שניי־פֿעדערן.
דניאל בראַדזשעט אין געדיכטן שניי און שטעכט דורך דעם חושך מיט זײַנע אָנגעצונדענע פֿײַער־שפּריצנדיקע, פּעך־שוואַרצע אויגן.
ער זעט אין דער זאַווערוכע, צווישן שניי, ווינט און חושך — זײַן בעלאַ, אײַנגעגאַנצן אַ ווײַסע, שוועבט אין דער לופֿטן, אַ מלאך... שוועבט און פֿאַרשווינדט... אַט הערט ער איר קלינגענדיקן געלעכטער...
אַ ברוויזנדיקער אָרקעסטער האָט איבערגעריסן דעם פֿאָדעם פֿון זײַנע חלומות. אַרײַן אין „טשאַרני קאָט" און דערזען אין אַ ווינקל זײַנע ייִדישע חברים; זיך צוגעזעצט צו זייער טישל און באַשטעלט קאָניאַק.

גלעזלעך משקה האָבן געפינקלט פון אַלע זייטן און „סערווּס!" האָט פאַרהילכט די לופט. מער אָבער ווי פון אַלע ווינקעלעך, האָבן זיך געריסן די פּוילישע קולות פון דעם יידישן ווינקל... ניט אַנדערש, נאָר די יידישע סטודענטן האָבן מיט פּוילישע קלאַנגען געוואָלט פאַרהילכן די יידישקייט, וואָס האָט פון זיי אַרויסגעשריגן... צי אפשר — מיטן געשריי, פאַרשטילן דעם יידישן יווי... מיטאַמאָל וואָס זעט ער?...

דניאל רייסט אויף ברייט זיינע אויגן־לעבער און... יאָ, דאָס איז זי, בעלאַ! ער זעט איר גוט צווישן דעם טאַנצנדיקן געזעמל. יאָ, זי, בעלאַ, אין די אָרעמס פון דעם זעלבן פלאַקס־האָריקן פאַרשוין... ער וויל זיך אַ ריס טאָן פון אָרט און ער בלייבט פאַרגליווערט זיצן און קען זיך ניט באַוועגן... ער וויל אויסשרייען „בעלאַ!" און דער קול בלייבט אין האַלדז פאַרשטיקט. זיינע בליקן באַגעגענען זיך.

זיינע — פייער; אירע — אייז!...

די מוזיק האָט זיך איבערגעריסן און דער פלאַקס־האָריקער פאַרשוין האָט ווי אַ ווילדע קאַץ אַ שפּרונג געטאָן צום יידישן טישל; געבייזלט פויסטן און געזעוועט:

— וואָס טוט איר דאָ זשידעס!

— אַרויס! האָבן זיך געהערט קולות.

— וואַרפט זיי אַרויס!

— דאָ פּאַלעסטינע!

און נאָך ניט איינגאַנצן אויסגעליידיקטע פלעשלעך זענען געפלויגן איבער יידישע קעפּ און קריסטלעך וויין האָט זיך אויסגעמישט מיט יידיש בלוט...

אויף מאָרגן האָט די פּוילישע פרעסע באַשולדיקט די יידן אין קומען שטערן די פרידלעכע קריסטלעכע סילוועסטער־נאַכט...

פוילישׁ גאָלד.

גראַבסקי איז געקומען צו דער מאַכט און יידן האָבן זיך טרויעריק געוויצלט:

— נישט אומזיסט הייסט ער גראַבסקי; זיין רעגירן איז אַן אמתער גראַ־ביאַזש...

גראַבסקי האָט אַ נאָמען געגעבן די פוילישע מטבעה „זלאָטי" (גאָלד) און גאָלד איז געוועןן אַ פייג...

האָט מען זיך ווידער טרויעריק געוויצלט:

— איר האָט שוין געזען ס'פוילישע גאָלד? זעט... און מען האָט צע־נויפגעפלאָכטן דריי פינגער...

יידן וויצלען זיך ווי דער שטייגער, ווען ס'איז גוט אָנגעזאָלצן אויף דער נשמה... די „זלאָטי" האָט יידן בדיל הדל געשטעלט. יידן האָבן זיך גע־לייגט שלאָפן נגידים און זענען אויפגעשטאַנען אביונים, בעטלערס!

אין די געשעפטן האָט זיך דער פדיון מיט אַ מאָל אָפגעהאַקט, וועק־סעלעך פון דער פּראָווינץ זענען געקומען חזרה מיט פּראָטעסט און עס האָט זיך אַ הויב געטאָן אַ כוואַליע נאָך אַ כוואַליע פון באַנקראָטן אין דעם צעבושעוועטן קריזיס־ים...

נעכטיקע גרויסע סוחרים זענען געוואָרן אָרימע לייט, יורדים, מעק־לערס אויף דער בערזע, שטעקל־דרייערס, מענטשן מיט נישט קיין זיכערע פּרנסות אָדער אינגאַנצן אָן פּרנסה —

אַז אַלטער זילבערשטיין איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי, גענומען די צייטונג אין האַנט אַריין און אַ קוק געטאָן ווער עס האָט באַנקראָטירט, האָט

ער אַרײַנגערופֿן ס׳װײַב אין סאַליע, איר געשטופּט די צײַטונג אין די אױגן אַרײַן:

— נאַ, גרױסע העכט! די גרעסטע!...

פֿון צװײטן צימער האָבן זיך דערהערט דראָבנע טריט און ס׳איז שטיל געװאָרן. פֿאַר דער בת יחידה האָט מען זיך געהיטן מיט אַ װאָרט.

— ס׳קינד זאָל כאָטש נישט װיסן פֿון די צרות...

— װאָס איז גאָלדעלע קרױן? — האָט די מאַמע זיך אָפּגעהוקט צערטלעך, זעענדיק דער טאַטער טאַטער אױפֿן שװעל אין איר ראָזאַװן שלאַפֿראָק, אַ פּאַררױטלטע און אומעטיקע.

— גאָרנישט מאַמעשי!

— װאָס איז טאַטער, דערצײל, פֿאַר טאַטע־מאַמע האָט מען סודות?

— האָט דער טאַטע זיך אָפּגערופֿן מיט אַ געמאַכטן בײזער און אַנגענומען דער טאַטער פֿאַר אַ האַנט און איר אײַנגעזעצט אױף אַ דערבײַיאיקן פֿאָטעל.

דאָס מײדל האָט זיך אױסגעװישט די פֿאַרשלאָפֿענע אױגן, פֿאַרצױגן די דינע ליפּעלעך און אָנגעהױבן:

— לעאָן איז געגאַנגען אַרבעטן אין ביוראָ...

— אױפֿגעהערט שטודירן? — האָט די מאַמע איבערגעשלאָגן.

— ער איז דאָך שױן געװען אױפֿן דריטן קורס מעדיצין... האָט דער טאַטע אונטערגעכאַפּט.

— יאָ, ער האָט אױפֿגעהערט לערנען מעדיצין און איז געגאַנגען אַרבעטן אין ביוראָ.

— פֿון װאַנען װײסטו דאָס? איז דער טאַטע צוגעשטאַנען.

— שרהלע האָט מיר נעכטן געזאָגט.

— זי איז דאָ נעכטן געװען און האָט אונדז גאָרנישט געזאָגט... האָט זיך די מאַמע געװוּנדערט, אָבער דער טאַטע האָט װידער איבערגעשלאָגן מיט אַ געמאַכטן בײזער, דאָס מאָל זײַן גיטעלען.

— הערסט דאָך גיטעלע, װאָס דאָס קינד רעדט. זי װעט דאָך נישט אױסטראַכטן.

טאַטע־מאַמע האָבן זיך פֿילדײטיק איבערגעקוקט און גאָלדעלע איז אַרױס פֿון צימער..

צו פֿופֿצן יאָר איז גאָלדעלע געגאַנגען אַרבעטן אין אַ פֿאַבריק. שױן

א יאָר ווי זי האָט געענדיקט גימנאַזיע און זי קען נישט קריגן קיין ארבעט אין א ביוראָ.

סטודענטן און אַפילו געענדיקטע אדוואָקאַטן גייען ארבעטן אין ביור־דאָס פאַר א קליינעם געהאַלט און דערצו דאַרף מען נאָך האָבן גוטע פּראָ־טעקציע.

טיף אין הארצן האָט זי אַנגעהויבן מקנא זיין איר קוזין לעאָן, פאַרוואָס אים איז אָנגעקומען אזוי גרינג צו קריגן ארבעט אין א ביוראָ, פון קינדווייז אָן האָבן זיי זיך ליב געהאַט און דאָ פילט זי, אַז איר ליבע מישט זיך צענויף מיטן סם פון קנאה און ווער ווייסט... דאַכט זיך איר, אַז זי האָט אים שוין פיינט... די געפילן האָט זי געשטיקט אין זיך... קיי־נער האָט פון זיי נישט געטאָרט וויסן... נאָך וויניקער ווי די פריערדיקע פאַרבאָרגענע ליבע־געפילן... ניין, האָט זי זיך אַליין געפּרובירט פאַרענט־פערן אירע מ׳אָדנע געפילן... איך האָב אים ליב, ווייל ער איז מיין קוזין. נישט מער... אָבער פאַרוואָס ארבעט ער אין א ביוראָ?...

די געשעפטן ביי אַלטער זילבערשטיינען זענען געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג. מ׳איז אָפּגעשטאַנען גאַנצענע טעג און מ׳האָט נישט געזען קיין קונה פאַר די אויגן און אַז א קונה האָט זיך שוין באוויזן אויף דער געגנשע־גאַס, האָבן אים די מעקלערס אויף שטיקער צעריסן. נישט איינמאָל איז א פּראָווינצער סוחר אהיים געפאָרן מיט א צעריסענער קאַפּאָטע... און אַז עפּעס האָט זיך יאָ פאַרקויפט, האָט מען נישט געקענט צוריק אָפּקויפן. עס האָט געברענט א פייער; זענען די פּאָליצעס געוואָרן שיטערער און שי־טערער און — ס׳איז אין א שיינעם טאָג, אָך און ווי צו דער שיינקייט, גע־וואָרן אוים מסחר...

אַז גאָלדעלע האָט געדאַרפט גיין ארבעטן, האָט מען געביסן די ליפּן און מ׳האָט געשוויגן. וואָס האָט מען געקענט טאָן?

א מיידל דאַרף דאָך שיך און זאָקן. א קליידל...

— אָבער אין א פאַבריק...

— גאָט מעג שוין העלפן...

אזוי האָבן טאַטע־מאַמע זיך אראָפּגערעדט פון הארצן און געלאָזט א טרער, ווען גאָלדעלע איז אוועק אין פאַבריק אריין ארבעטן.

גאָלדעלע האָט געאַרבעט אין א פאַבריק פון העמדער. דער פאַבריקאַנט איז געווען אַן אַמעריקאַנער ייד, וואָס איז אראָפּגעקומען מיט אַמעריקאַ־נער דאָלאַרן און האָט געעפנט עטלעכע אזעלכע פאַבריקן, וואָס האָבן

אויסגעאַרבעט ביליקע העמדער פאַר אַרבעטער און פּויערים.

די פאַבריק ווו גאָלדעלע האָט געאַרבעט, האָט זיך געפונען אין גויישן געגנט און אַז גאָלדעלע פלעגט דורכגיין די גאַסן, פלעגן איר די שגאָצים פּרעסן מיט די אויגן און אַנדערע האָבן איר נאָכגערופן מיאוסע ווערטער.

גאָלדעלע האָט נישט געזען און נישט געהערט. זי האָט געשפּאַנט מיט דראָבנע טריטלעך און די אויגן אַראָפּגעהאַלטן נישט צו באַגעגענען קיינעם מיט אירע אומעטיקע, סאַמעטענע בליקן. אירע געדאַנקען האָבן זיך געצויגן צו דער ביורא אויף קרולעווסקע, ווו עס אַרבעט איר קוזין. זי האָט אים שוין לאַנג נישט געזען...

אין פאַבריק האָבן געאַרבעט יידן און גויים. מער גויים ווי יידן. יונגע מענטשן, בחורים, מיידלעך, שגאָצים און שיקסעס; אַמייסטן יונגע, שיינע, פרייליכע — שטיפן, לאַכן, זינגען, פלירטעווען... גאָלדעלע, ווי זי וואָלט געווען אַליין, זעט נישט קיינעם. טוט איר אַרבעט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און שווייגט...

איז איינמאָל פאַר איר פאַרבייגעגאַנגען אַ בלאָנדער שייגעץ און איר פאַרקוקט אין די אויגן אריין און געשעפּטשעט:

— „טשאַרנע אָטשי ווּשיסטקאָ טשאַרנאָ ווידזאָן" (שוואַרצע אויגן זעען אַלצדינג שוואַרץ) און איז פאַרשוווּנדן. פון דאַן אָן פלעגט דער שייגעץ אָפטער איר פאַרקוקן אין די אויגן און צאַרט שמייכלען.

זי האָט באַמערקט, אַז דער שייגעץ איז אַ בלאָנדער מיט בלויע, לאַכע־דיקע אויגן; ער זעט אויס צו זיין אַ גוטער, אַן איידעלער; ווען ער באַ־גלייט איר, וואָלטן די שגאָצים אין גאַס איר אַ ביסעלע מערער רעספּעק־טירט; צו אַ מיידל אַליין קריגט מען באַלד חוצפּה... און אַז דער גלאָק אין פאַבריק האָט געקלונגען אַהיים צו גיין מיטאָג עסן, איז פאַר איר געשטאַנען דער בלאָנדער שייגעץ און געשמייכלט:

— מאָגען דאָפּראָוואַדזשיטש? (קען איך באַגלייטן?)

גאָלדעלע האָט זיך נישט קעגנגעשטעלט. אָבער אַז אין וועג האָט איר דער שייגעץ באַשאָטן מיט קאָמפּלעמענטן, האָט זי אויף אים אַ שאַרפן קוק געטאָן אין די אויגן אריין און אַ זאָג געטאָן:

— פּוילּיש גאָלד...

דער שייגעץ איז געבליבן שטיין, אַ צעמישטער, בלאַס ווי קאַלך; די אויגן זענען פּלוצלונג געוואָרן ביי אים גרוי־קעציש און פון צווישן די ציין האָט ער ווי אַ שלאַנג אַרויסגעשיפּעט:

— זשידוווקאָ! — און איז אַוועק.

מער איז גאָלדעלע אין פאַבריק, נישט געגאַנגען. קיינער האָט נישט געוווּסט פאַרוואָס.

האָט מען געפרעגט, האָט זיך גאָלדעלע צעוויינט.

האָט מען אויפגעהערט פרעגן.

שרהלע האָט אָפטער אָנגעהויבן צו קומען און פלעגט גאָלדעלען אָן אויפהער דערציילן די גליקן פון איר ברודער אין ביורא.

ער איז דאָרט דער גאַנצער שעף און פאַרדינט שוין אפשר צוואַנציק מיליאָן זלאָטים...

ער שפּאָרט שוין געלט און — גרייט זיך צו פאָרן קיין „פּאַלעסטינע"...

דאָס לעצטע האָט זי געזאָגט גאָלדעלען אַ סוד אויפן אויער און גאָלדעלע האָט איר פאַראַכטן:

— נישט קיין „פּאַלעסטינע" — קיין „ארץ"...

גאָלדעלע איז געווען אַ שומרקע; זי האָט זיך אויך געגרייט, ווי אַזוי? האָט זי נישט געוווּסט, מיטן טאַטנס זלאָטים?...

אַלטער זילבערשטיין איז אָבער נישט געשלאָפן. ער האָט געשריבן איין בריוו נאָכן אַנדערן צו זיין שוואָגער אין אַמעריקע. אים באַשריבן זיין לאַגע און געבעטן ביי אים אַ הלוואה צו קענען פאָרן קיין ארץ ישראל. אין הייליקן לאַנד וועט ער אַרבעטן צוגלייך מיט אַלע יידן און וועט אים מיט גאָטס הילף אָפּשיקן ביז איין סענט. ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און אַלטער זילבערשטיין האָט געקריגן פון זיין שוואָגער אַ טשעק אויף אַמעריקאַנער דאָלאַרן, גענוג אויף הוצאות פאַר זיך, פאָרן ווייב און פאַר דער בת יחידה ביז ארץ ישראל און ס'וועט נאָך עפּעס בלייבן אויף דער ערשטער צייט אין הייליקן לאַנד.

דער שוואָגער האָט אים אין בריוו אָנגעגעבן אַן אַדרעס צו אַ ייִדיד אין תל אביב, ביי וועלכן ער וועט זיך קענען די ערשטע צייט „עד שירחיב" אַ ביסל אָנוואַרעמען... אַ סערטיפיקאַט האָט מען געקריגן און מ'האָט זיך געגרייט אין וועג אַריין.

קומט שרהלע אין איין שיינעם פרימאָרגן מיט אַ פרייד, מיט אַ גדולה; זי פאָרט אויך צוזאַמען מיטן ברודער; טאַטע־מאַמע וועלן דערנאָך קומען. איז געבליבן, אַז מ'פאָרט מיטן זעלבן שיף.

אויפֿן שיף איז ליהודים!

יידן פֿאָרן קיין ארץ ישראל.

עס רוקט זיך אָן דער יידישער פרייהייט־יום־טוב, פסח און יידן וועלן סוף כל סוף זוכה זיין צו מאַכן דעם סדר אין ארץ ישראל און אפשר טאַקע אין ירושלים... וועט מען האָבן אויסגעבעטן דעם „לשנה הבאה בירושלים״!

יידן דאַוונען אויפֿן שיף מיטן מנין, עסן כשר און בענטשן בציבור... מ׳באַקענט זיך, מ׳ווערט איין גרויסע משפחה — כל ישראל חברים! עס פֿאָרן חסידים, עס פֿאָרן מתנגדים; עס פֿאָרן אַלטע, עס פֿאָרן יונגע; עס פֿאָרן מענער, פרויען און קינדער און אַלע מיט איין באַגער: פּטור צו ווערן פֿון גלות, איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל פּטור און אַן עק!

דער אַלטער דור האַלט זיך אָבער אַ ביסעלע אָפּגעטיילט פֿון די יונגע. פֿאַרברענגען זייערע טעג אין תפילות און אין שמועסן וועגן תכלית. די יונגע אָבער טראַכטן ווייניק וועגן עולם הבא; אפילו עולם הזה גייט זיי ווייניק אָן. די מינוט איז פֿאַר זיי טייער און מע לאָזט זי נישט אַוועק מיט קיין דאגות; מ׳איז אויף אַ שיף וואָס פֿירט צום ציל און מ׳פֿילט דעם ציל און מ׳לעבט מיטן ציל — מ׳לעבט מיט ארץ ישראל.

טאַנצט מען אַ האָרא, אַז עס ברעכט זיך דער דעק.

זינגט מען לידער, העכער פֿון די רוישיקע כוואַליעס פֿון ים און עס דאַכט זיך, אַז עס טאַנצט מיט און עס זינגט מיט דער ים.

ווידען?

ווייסט דען נישט דער ים, אַז יידישע יוגנט פֿאָרט קיין ארץ ישראל?!...

איז פֿול די לופֿט מיט אַרין ישראל־לידער און מיט ארץ ישראל־טענץ.

פֿלעכטן זיך רעדער, אַ ראָד אין אַ ראָד; האַנט אויף אַקסל — אַלע חברים! פֿלעכטן זיך אין ראָד: גאָלדעלע און שרהלע און לעאָן צוזאַמען מיט אַ טאָג פֿריער אומבאַקאַנטע, נייע פּנימער און היינט — חברים, חברים!

און גאָלדעלע הייסט שוין נישט גאָלדעלע און שרהלע הייסט שוין נישט שרהלע און לעאָן הייסט שוין נישט לעאָן; אַלע האָבן געענדערט זייערע גלות־נעמען אויף ארץ ישראל־נעמען; איבערגעריסן מיטן גלות!

הייסט גאָלדעלע זהבה און שרהלע — שרה (סאַרא) מיטן ארץ ישראל־דיקן אַקצענט און לעאָן הייסט אריה און אַנדערע רופֿן זיך ביי טאַטעס נעמען מיטן צונאָב „בן״ אָדער „בת״ ווי אין די אַמאָליקע ביבלישע צייטן:... בן יצחק, בן יעקב, בן יהודה, בת שבע, בתיה א. א. וו. און מ׳רופֿט זיך ביי די נייע נעמען ווידער אַמאָל און נאָך אַמאָל נישט צו פֿאַרגעסן...

מ׳דערנענטערט זיך צו די ברעגעס פון ארץ ישראל. אלע לידער האבן זיך שוין אויסגעלאזט; אלע טענץ האבן זיך שוין אויסגעשעפט. יונג און אלט ווערן ערנסטער, פארטראכטער, הערצער קלאפן, אויגן זענען געווענ־דעט צום האריזאנט פון וואנען מ׳קוקט שוין אויס א סימן פון ערד, ארץ ישראל — ערד!...

דער ים האט זיך בארואיקט; דער הימל האט זיך אויסגעוואשן און באגילט זיין בלויעם מאנטל מיט שטראלן פון א פרישער, אויפנייענדיקער זון.

עמעץ האט אויסגעצויגן א האנט קוקנדיק אויף א לארנעטע און אויסגערופן:

— יפו!

מענטשן האבן פלינק איינגעפאקט זייערע געפעק און זיך פארזאמלט מקבל פנים צו זיין דאס לאנד פון די אבות, נאך וועלכן עס בענקט א פאלק און ווייקט אויס אין טייכן טרערן זיין פייערדיקע בענקשאפט שוין באלד צוויי טויזנט יאר און אט זעט מען דאס לאנד...

ווען דער ערשטער איינדרוק איז פארביי און פנימער האבן זיך אויס־געלייטערט, איז איינער פון די יונגע פלינק ווי א קאץ ארויף אויף א לייטער און זיך געווענדעט צו דער זייט פון וואנען די שיף איז געקומען, צעגויפגעדרייט דריי פינגער און אויסגערופן:

— פויליש גאלד!

דער עולם האט זיך צעלאכט און זהבה האט א צעשטראלטע ארויפגע־קוקט און מיט די אויגן געשלונגען דעם בחור אויבן אויפן לייטער, וואס לאכט פון דעם פוילישן גאלד. ס׳איז געווען איר אריה...

און אט שטייט ער פאר איר, טרינקט ווי א דורשטיקער אירע בליקן און אט שוועבט זי שוין לייכט אין דער לופטן ווי א פייגעלע... פליט אין די וואלקנס...

אלטער זילבערשטיין מיט זיין גיטעלען האבן געגוט אויף אויסלייג־שטולן אין א ווינקל פון שיף.

די מאמע האט די ערשטע באמערקט:

— זע אלטער, ער טראגט איר דאך אויף די הענט!

און אט שטעלט ער זי אוועק פאר טאטע — מאמע און רופט זיך אפ שעלמיש:

— נאט, נעמט אייך אייער אוצר!

— האַלט זיך מיט דער מציאה! רופן זיך אָפּ טאַטע־מאַמע און זהבה בלייבט שטיין צווישןביידע „לאַגערן" מיט די הענט אויף די באָקעס און מיט דעם שוואַרץ־סאַמעטענעם געלאָקטן קאָפּ פאַרוואָרפן אויף א זייט און מיט א זילבער־קלינגעדיקן געלעכטער רופט זי אויס:

— וואַרפט זיך נישט מיט מיר; כ'בין נישט קיין פּויליש גאָלד!...

עס האָט זיך דערהערט דער גערויש פון דעם אַנקער, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ אינעם ים און א הילכיקער „שלום" קלינגט אָפּ מיט טויזנטער עכאָס אין ווייטן אַרום...

דודל חריף

דודל חריף, אזוי האָט מען אים גערופן; כּאָטש געהייסן האָט ער אַפּנ־היים, האָט מען אים ביי זיין ריכטיקן נאָמען קיין מאָל נישט גערופן.

מענטשן, וואָס האָבן אים גוט געקענט, האָבן געוווסט פאַרוואָס מען רופט אים דודל חריף און טאַקע נישט אומזיסט, אזא שאַרפן קאָפּ איז מאַקע שווער צו געפינען. צו די שווערע חשבונות האָט ער קיין מאָל קיין בליישטיפט נישט גענוצט אַלץ אויפן קאָפּ!

און אויסגעשאַרפט דעם קאָפּ האָט דודל ווי דער שטייגער איז געווען אין יענע צייטן ביי א שווערער סוגיא יורה דעה אָדער ביי א האַרבן תוספות יום־טוב אָדער גאָר ביי א פּלפּול מיט זיידענע יונגעלייט אין שטיבל איבער א שווערן פּשט פון דעם ראמבם אָדער דעם הגרא.

און אז דודל האָט אַלעמען איבערגעשאַרפט, האָט ער געקריגן דעם צונאָמען חריף און פון דאַן אָן רופן אים אַלע — דודל חריף.

אז דער גרויסער האָלץ־סוחר, דער נגיד, דער גערער חסיד, זאַנוועלע קאָ־ברינער, האָט זיך דערוווסט, אז אין קאָצקער שטיבל איז דאָ א כּלי שלמה, האָט ער געכאַפּט א ישוב מיטן וויב: — גיטעלע וואָס זאָגסטו, פאַר אונ־זער שרה־לאהן?

— וואָס עט ער טאָן?

— ס'הייסט וואָס?

ס'הייסט?

— נו, יאָ, ס'דרייען זיך שוין אַרום ביי אונז דריי איידעמס...

— עט זיך אַרומדרייען א פערטער.

און ס'איז געוואָרן א שידוך.

און א טבע האָט געהאַט זאַנוועלע קאָברינער, אז אַן איידעם ביז ער

האָט אים אַריינגענומען אין מסחר, האָט ער אים געשיקט עטלעכע יאָר זיך קהלן — זאָל ער ווערן אַ מעורב בין הבריות!

דער עלטסטער איידעם פּנחס בונים האָט זיך שוין אַזוי געקהלט עטלעכע יאָר; ער האָט שוין מיט מזל געהאַט דריי בנים און ס'ווייב האָט געטענהט:

— פּנחס בונים, גענוג שוין, ווי לאַנג נאָך וועלן מיר זיין ביים טאַטעשי?

פּנחס בונים האָט זיך בנעימותדיק געגלעט דאָס בלאָנד בערדל און געשוויגן. און געהייסן האָט עס:

— ביסט נערעכט...

אָבער צו תּכלית איז נאָך געווען ווייט...

אַזוי האָבן קוקנדיק אויף אים, די צוויי יינגערע איידימס, יצחקל און שמעון, זיך אויך געקהלט און מיט פּרנסה זיך פאַרלאָזט פריער אויפן טאַטן אין הימל און דערנאָך אויפן שווער.

דודל האָט אָבער געזען, אַז די שוויגער קוקט אויף אים מיט חשד, האָט ער לאַנג נישט געוואַרט און באַלד די דריטע וואָך נאָך דער חתונה אַזוי אַ זאָג געטאָן:

— שוויגער־לעבן, עך וויים, וואָס די שוויגער טראַכט, עך וויים...

און ער האָט זיך ברייטלעך צעלאַכט. גיטעלע האָט זיך דערשראָקן און דאָס לעפעלע פון וועלכן זי האָט געלעקט מאַלינעס, איז איר אַרויס־געפאַלן פון האַנט.

ס'איז געווען שבת צו נאַכט נאָך הבדלה. דער אַלטער איז שוין אַוועק אויף דער רייזע און די איידעמס מיט די ווייבער, זיינען אַרויס שפּאַצירן אויף דער פרישער לופט

אַז זיין שרה־לאה האָט געכאַפּט אַ דרימל, האָט ערשט איצט דודל געכעיעט כאַפּן אַ רעכטיקן שמועס

— כ'פאַרשטיי נישט דודל, האָט די אַלטע געצוקט מיט די פּלייצעס.

— ס'איז גאָר פּשוט. שוויגער, עך וועל נישט זיין קיין לײדיקגייער.

— עך וועל נישט זיין קיין קהלשער פאַרזאָרגער אויפן שווערס חשבון.

— אַז כ'וועל מיט גאָטס הילף האָבן פּרנסה, וועל איך שוין זיין אַזאַ שיינער דעה־זאָגער אין תּלמיד־תּורה, ווי זיי און עך זאָג אייך שוויגער, אַז ביי מיר, וועט עס זיין באמונה!

וואָס מיינסטו דודל? איך פאַרשטיי דיך נישט.

— טאקע נישט אומזיסט רופט מען דיך דודל חריף, ס'איז דיר שווער צו פארשטיין.

— ס'איז גארנישט שווער. גאר פשוט א קהלשער מענטש, דארף זיין ערלעך, קודם כל, ערלעך!

— וואס אויפן הארצן דאס איז אויף די ליפן, און א ווארט דארף זיין א ווארט; קודש קדשים!

די שוויגער וועט זען, אז דודל וועט זיין א סוחר גאר אויף אן אנדער שטייגער! און א כלל־טוער אויך אויף אן אנדער שטייגער, באמונה, נאר באמונה!

— זעץ זיך דודל, האט גיטעלע דעם איידעם אנגענומען ביי א האנט און אים אוועקגעזעצט לעבן זיך.

— איך האב געלייענט אין די הייליקע ספרים, אז א שארפער קאפ איז ווייניק, צום שארפן קאפ דארף מען נאך האבן א גוט הארץ.

און איך זע, דודל, אז דו האסט א שארפן קאפ מיט א גוט הארץ; זאל דיר דער טאטע אין הימל העלפן אויפן גוטן וועג וואס דו פארנעמסט זיך! אין צימער איז געווען האלב־טונקל, ווייל די שבת־ליכט האט שוין ניט געלויכטן מיט איר העלקייט און לויטערקייט און די וואכעדיקע ליכט איז אנגעקומען מיט אן אומעט און מרה שחורהדיקן זארג פאר די קומענדיקע טעג.

פארהלומטע זיינען געזעסן שוויגער און איידעם, פארטראכטע... און יע־דער פון זיי האט אויפן אייגענעם שטייגער פילאזאפירט איבערן גורל פון לעבן! די אלטע — וועגן א לעבן וואס איז שוין כמעט ווי פארביי; דער יונגער — וועגן א לעבן וואס הייבט זיך כמעט אן. אין דער צייט איז א פארשעמ־טע, א פאררויטלטע, א צניעותדיקע הינטער זיי געשטאנען די יונגע טאכ־טער, דאס יונגע ווייבל.

— דודל איז גערעכט...

און צוויי טרערן ווי פערל זיינען געפאלן, איינע אויף דער מאמען, די צווייטע — אויפן מאן...

— גערעכט... האבן אירע ליפן געשעפטשעט, גערעכט...

רחלע

באלד נאך יאסעלעס בר מצוה, איז דער טאטע אוועקגעפארן קיין גראדנע.

פרנסה.

אין אכט טעג ארום קומט אן א בריוו:

„גיטעלע.

אנגעקומען ב"ה בשלום. גראדנע איז א פיינע שטאט, נישט דאס וואס ווארשע, אבער פרנסה האבן גראדנער יידן הלוואי ווייטער, נישט ערגער ווי אין ווארשע. אזוי פיל ארעמעלייט ווי אין ווארשע, האב איך נאך דערווייל אין גראדנע נישט געזען. מען דארף האפן צו דעם, וואס שפייזט א ווערעמל, אז ער וועט געבן פרנסה עם מאכט זיך עפעס א מסחר, נאר מען דארף קאפי־טאל, האב איך שוין געשריבן צו ווישליצקין און איך ווארט אויף אן ענטפער.

דערווייל שיק איך אין דעם בריוו א רובל פאר די קינדער; אין די אנ־דערע בריוו וועל איך שיקן מער, אחוץ דעם שיק איך דיר פאסילקעס, דא איז אלץ ביליקער ווי אין ווארשע, שיק איך דיר פאסילקעס מיט געלעגנ־הייטן. אלע טאג פארן יידן פון גראדנע קיין ווארשע, זיי שטייען איין אין דער אכסניא, וואס מען רופט „דער ארייַנפאר", אויף שווענטע יערסקא 34. וועל איך דיר בעטן, גיטעלע, זאלסט צושיקן יאסעלען אין „ארייַנפאר" אפ־נעמען די פאסילקעס".

זיי געזונט און קוש די קינדערלעך. אינגיכן וועלן מיר זיך זען.

מיר געפעלט זייער גראדנע".

„דיין אברהמל".

אַז די מאַמע האָט באַקומען דעם בריוו מיטן רובל, האָט זי מיטן ברעג פאַרטעך אויסגעווישט אַ טרער און זיך קוים דערהוואַרט, אַז די קינדער זאָלן קומען פון שקאָלע, זיי אָנצוזאָגן די בשורה. דערווייל האָט זי געכאַפּט אַ בליק צי עס קאָכט זיך... פאַרזוכט און געטראַכט: — די קינדער בענקען נעבעך נאָכן טאַטן, זאָלן זיי כאָטש הנאה האָבן פון מיטאָג... און די מאַמע האָט צוגעגרייט אַ געשמאַקן מיטאָג; קאַרטאָפל מיט לעבערלעך.

— די קינדער האָבן דאָס ליב.

אַז יאָסעלע איז געקומען פון שקאָלע און ער האָט ווי אַלע טאָג נעפּירט פאַרן הענטל זיין זיבן יעריקן ברידערל לייבעלען, האָט עס דער מאַמען פאַרקלעמט פאַרן האַרצן.

— ווי די קינדער האָבן זיך ליב.

און די מאַמע האָט געלאָזט אַ טרער.

— וואָס איז, מאַמע? האָט יאָסעלע געפרעגט מיט אַ ציטער אין דער שטים און לייבעלע האָט פאַרקוקט יאָסעלען אין די אויגן אַריין און געשעפּטשעט:

— פאַרוואָס וויינט מאַמע?

די מאַמע האָט זיך געשטאַרקט, געמאַכט אַ פריילעך פּנים, באַוויזן אַ שמייכל און זיך אָפּגערופן:

— אַ בריוול פון טאַטן, זעצט זיך צום טיש, וועל איך אייך געבן עסן און נאָכן עסן, וועט יאָסעלע לייענען דעם בריוו.

יאָסעלע איז אָבער ווי יעדן טאָג צוגעשטאַנען, אַז מאַמע זאָל עסן צו־זאַמען מיט זיי, אַנישט, עסט מען נישט און ער האָט אויסגעפירט. די מאַמע מיט די קינדער האָבן שווייגנדיק אָפּגעגעסן און דאַן האָט זי געגעבן לייענען דעם בריוו.

יאָסעלע האָט געלייענט פּאַמעלעך, יעדן וואָרט איבערגעטראַכט, עט־לעכע מאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אויפגעהויבן די אויגן, אַ קוק געטאָן אויף דער מאַמען, אויפן ברידערל. די מאַמע האָט געווישט אַ טרער; לייבע־לע קוקנדיק אויף דער מאַמען, האָט אויך געוויינט, ביז וואַנען יאָסעלע האָט מיט אַ געמאַכטן ברוגז אַ זאָג געטאָן:

— הערט מען נישט אויף צו וויינען, לייען איך נישט... און אַז יאָסע־לע האָט פאַרבויגן דאָס בריוול און האָט אויפגעהערט לייענען, האָט זיך די מאַמע אָנגעטאָן אַ כוח און איינגעהאַלטן די טרערן; האָט לייבעלע אויך

אויפגעהערט וויינען. אז יאָסעלע האָט געענדיקט לייענען, רופט זיך אָפּ די מאַמע צו לייבעלען:

— גיי מיין קינד אין שרייב־צימער און ווערסט מאַכן דיין אַרבעט. די מאַמע האָט גערעדט אַזוי שטיל, אַז לייבעלע האָט נישט געהאַט קיין מוט דער מאַמען איבערצושפּאַרן און ווי אַ פאָלגנדיק קינד זיך געלאָזט פון דער מאַמען אָננעמען פאַר אַ הענטל און אַריינפירן אין צווייטן צימער.

לייבעלע האָט זיך באַלד געזעצט מאַכן די אַרבעט.

יאָסעלע האָט פאַרשטאַנען, אַז די מאַמע דאַרף אים עפּעס זאָגן, איז ער געבליבן זיצן אויפן אָרט און האָט געוואַרט.

— יאָסעלע, רופט זיך אָפּ די מאַמע, אַריינקומענדיק צוריק אין צימער, הער אויס יאָסעלע, ווערסט גיין צום „אַריינפאָר", געוויר ווערן צי ס'איז דאָ אַ פּאָסילקע?

— איך וועל גיין מאַמע.

און יאָסעלע האָט דער מאַמען אַ קוש געטאָן אין האַנט און איז פלינק אַראָפּ פון די טרעפּ. דאָס הערצל האָט אין אים געקלאַפּט. דאָס ערשטע מאָל צום „אַריינפאָר". ווער ווייסט, וואָס פאַרא מענטשן דאָרט זיינען?... אפשר שלעכטע... און ער האָט זיך דערמאָנט ווי אַ מאָל פאַרבייגייענדיק פּראַנציש־קאַנער גאַס האָבן די משרתים אין די לאַנגע קאַפּאָטעס אָפּגעלאַכט פון זיין גימנאַזיסטישן גאַנג.

זיי האָבן אים נאָכגעטייטלט מיט די פינגער און געזונגען:

— סטודענט, סטודענט, די הויזן צעטרענט... און האָבן געלאַכט הויך אויפן קול. ער איז קוים אַ לעבעדיקער פון זיי אַנטלאָפן.

איינמאָל האָבן שקאָצים אויף קרולעווסקע געוואָלט אַראָפּרייסן דאָס קריינדל פון היטל.

— אַ זשיד, האָבן זיי געשריגן, דאַרף נישט האָבן קיין גוויאַזדקע!... און זיי האָבן אים געוואָלט געבן קלעפּ אויך. איז אָנגעקומען אַ גלח, האָט ער זיי אויסגעמוסרט:

— דער פּאַן יעזוס ווערט ברוגז, אַז ער זעט קריסטלעכע קינדער טאָן שלעכטע זאַכן. פּאַן יעזוס שען גניעווא... האָבן זיי זיך פאַרשעמט און אַז זיי האָבן אָפּגעטראָטן האָבן זיי אויף אים געוואָרפן אַ שטיין און — געטראָפן דעם גלח...

מענטשן זענען פאַרבייגעגאַנגען און האָבן מאָדנע געקוקט אויפן סטודענטל, וואָס גייט און לאַכט צו זיך אַליין..

ס'איז געווען אַ מילדער פרילינג נאָכמיטאָג. די זון האָט זיך שקאַרלאַט־רויט אַראָפּגעלאָזט אויף די וואַרשעווער שטיינערנע מויערן און געשפּילט אַ ליכט און שאָטן־שפּיל, ווי אין אַ באַהעלטעניש... אַ שטיפעריש ווינטעלע האָט געבלאָזן און אונטערגעהויבן די פּאָהלעך ביי די חסידישע ייִנגעלעך וואָס זענען פאַרביי, לויפנדיק פון חדר מיט אַ גרויסן ספר, אַ חומש צי אַ גמרא אונטערן אָרעם; זיי האָבן אונטערגעשפּרונגען און זייערע פּאַפּאַטקעלעך האָבן געפלאַטערט.

— ווי האָבן זיי נישט קיין מורא פאַר די שקאָצים?... האָט יאָסעלע נישט געקענט פאַרשטיין. און אָט באַגעגנט ער גויים, וואָס שמעכן דורך מיט קאַלטע, וואַסערדיקע אויגן...

יאָסעלע האָט שוין דורכגעשפּאַנט אַ שטיק דזשיקע, גענשע, אַריבער די נאַלעווקעס און אַריין אין די פראַנציסקאַנער און אָט איז ער שוין אויף שווענטע יערסקע.

— נומער פיר און דרייסיק... אָט איז דער „אַריינפאָר".

אַ ברייט־צעעפנטער, גרויסער הילצערנער טויער פירט אַריין אין אַ פירעקיקן הויף, אַן אָנגעפּיקעוועטן מיט פערד און וועגן, זיך נישט דורכצושפּאַרן און אַ טומל, אַז הימלען שפּאַלטן זיך.

בעל עגלהם שרייען מיט באַנומענע הייזעריקע קולות.

איינער וויל אַרויספאָרן מיט אַ פול געפּאַקטער בויד און ער האָט נישט קיין וועג און יענער, דווקא ווען ער פויעט די פערד, דאַרף ער גאָר אָפּטרעטן דעם וועג און ווהין זאָל ער זיך פאַרנעמען?! אַ וואָרט צו אַ וואָרט און עס פליען „כאַלעריעס" און מיאוסע רייד. יאָסעלע קאָן דאָס נישט פאַרנעמען, רוקט זיך צוריק אַרויס פון דעם „אַריינפאָר" און וויל שוין אַהיימלויפן מיט אַ ליגן, אַז ס'איז גאָרנישט געווען... כאַפּט זיך אָבער צוריק. — מען טאָר נישט; בלייבט אַ ווײַלע שטיין אין דרויסן, ביז די גרויסע בויד איז אַרויסגעפאָרן און דאַן האָט ער זיך פּאַמעלעך אַריינגעשאַרט און איז געבליבן שטיין אין אַ ווינקל פון טויער.

— וווּ גייט מען? צווישן די פערד, וואָס פאַרסקען אַזוי פּאַסקודנע מיט די מאָרדעס און קאָפּען מיט די פּאָדקעוועס און אַזאַ שמוץ; בררר...

מיטאָמאָל האָט ער דערהערט פון אַ וואָגן אַראָפּ אַ הייזעריקן קול:

— וואָס שטייסטע דאָרט ווי אַ נאַר, אָט איז אַ וועג, זעסט נישט ביסט

בלינד צי אַלדע גוטע יאָר!... און עס האָט אים אָנגעוויזן אַ בייטש אויף אַ שמאָל, בלאָטיק שטעגעלע, דורך וועלכן יידן און יידענעס האָבן זיך דורכ־געשפּאַרט מיט זעקלעך און פּעקלעך.

יאָסעלע האָט זיך בארואיקט, וואָס דער בעל עגלה האָט פאַרענדיקט מיט „אַלדע ג ו ט ע יאָר", ווייזט אויס, אַז ער האָט דערקענט אַז ער איז אַ טאַטנס אַ קינד און ער האָט זיך דערפילט געשמייכלט.

אַריינגעקומען אין דער אכסניא, האָט יאָסעלע דערהערט אַ שאַרף נעבן אויער; אינמיטן טומל האָט ער דערהערט שטילע טריט פון צווישן די שאָטנס האָט ער דערזען אַ ליכטיק געשטאַלט. יאָסעלע האָט אויפגעהויבן די אויגן און זיינע שווארצע, ברענענדיקע בליקן האָבן זיך באַגעגנט מיט אַ פּאָר בלויע, מילדע אויגן.

— אַזוי, האָט ער געטראַכט, קוקן נאָר טויבן, און ער האָט זיך צע־שמייכלט. דאָס מיידל האָט אים געענטפערט מיט אַ שמייכל און אַביסל דרייסטער אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין.

יאָסעלע האָט געטראַכט: — אַ מיידל פון אַ יאָר צוועלף...

— וואָס זוכסטו? האָט דאָס מיידל אַרויסגעזונגען און יאָסעלע האָט געענטפערט שטאַמלענדיק — גאָרנישט... און אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ.

— וואָס הייסט, גאָרנישט? — האָט דאָס מיידל נישט אָפּגעלאָזט.

— איך האָב פאַרגעסן, האָט זיך יאָסעלע פאַרענטפערט, איך זוך... אַ פּאָסילקע.

— כאַ... כאַ...כאַ.., האָט זיך דאָס מיידל צעלאַכט און אַ שליידער גע־טאָן אויף הינטן איר בלאָנד־געלאָקטן קאָפּ; — אַלע זוכן דאָ פּאָסילקעס. אָבער פון וועמען? פון וואַנען?

יאָסעלע האָט אַ ווײַלע אַ פאַרשעמטער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אַז ער האָט צוריק דעם קאָפּ אויפגעהויבן, האָט ער שוין געזען דאָס מיידל גאָר נאָענט נעבן זיך, שטייט, שמייכלט אים אין די אויגן אַריין און אירע ליפּן שעפּטשען:

— אַ שעמעוודיק יינגל...

באַלד האָט זיך יאָסעלע אָנגענומען מיט מוט און אַלץ דערציילט.

— קום, האָט זיך דאָס מיידל אָפּגערופן, אָנגענומען אים פאַר אַ האַנט און אים אַריינגעפירט אין אַ צווייטן צימער, וווּ קיין זייטיקע מענטשן זענען נישטאָ און ס'איז שטיל.

— דערציילט נאָך אַ מאָל, דאָרט האָב איך נישט געהערט.

יאָסעלע האָט דערציילט און דאָס מיידל האָט פון אים די אויגן נישט אראָפּגענומען.

— יאָ, — רופט זי זיך אָפּ, כ'פאַרשטיי שוין, ס'דאַרף קומען אַ פור פון גראָדנע, ווערסט אָבער מוזן וואַרטן אפשר אַ שעה אָדער צוויי און דאָס מיידל האָט אים שעלמיש אריינגעלאַכט אין פּנים אריין.

יאָסעלע האָט זיך פאַרשעמט און פאַררויטלט.

— רחלע! — האָט זיך דערהערט אַ פרויען־שטים פון אַ ווייטן ציי־מער — ווו ביסטו?

— דאָ בין איך, מאַמע! און צו יאָסעלען: — ווייסטו שוין אַז איך הייס רחלע און ווי הייסטו?

—יאָסעלע.

— יאָסעלע? טראָגסט דאָך נישט קיין קאַפּאָטע...

—אַזוי רופט מען מיך אין דער היים.

דאָס מיידל האָט אים אראָפּגעכאַפּט פון קאָפּ דאָס היטל און אים געוויזן אויפן קריינדל.

— וואָס איז דאָס?

— וו. ג.

— ווי הייסט דאָס?

— וואַרשאַווסקאַיאַ גימנאַזיאַ.

— און אין וועלכן קלאַס ביסטע?

— אין זעקסטן.

—קענסטע דאָך גוט רוסיש... יעך קען גאָרנישט.... מיין מאַמע האָט מעך געוואָלט שיקן אין שקאָלע, האָט דער טאַטע נישט געלאָזט... מיין טאַ־טע איז אַ חסיד, מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע... יעך בין אַ בת יחידה, מען האָט מעך ליב, אָבער טאַטעשי האָט נישט געלאָזט גיין אין שקאָלע.... דערנאָך אַ ביסעלע שטילער, נעענטער זיך צוגערוקט: — מיין טאַטעשי איז אויך נישטאָ אין דער היים פאַרט אַרום, קומט נאָר אויף שבת און אַמאָל אויף שבת אויך נישט... אַמאָל אויף יום־טוב... כ'וויים אַליין נישט ווען ער קומט...

מיטאַמאָל האָט זי אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט:

— כ'בעט דעך, לערן מעך שרייבן. קום צום טיש, זיץ דאָ...

יאָסעלע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „יאָ".

דאָס מיידל איז פלינק ווי א קאַץ אויפגעשפרונגען פון אָרט און גע־בראַכט א שטיק פּאַפּיר מיט א בלייפעדער.

— נאַ, שרייב.

— וואָס זאָל איך שרייבן?

— דיין נאָמען.

יאָסעלע האָט אויפגעשריבן.

— לייען איבער.

— אָסיפ.

— וואָס הייסט דאָס?

— יאָסעלע איז אויף רוסיש אָסיפּ.

— אָסיפּ, ניין, יאָסעלע געפעלט מיר שענער. נו גוט, זאָל זיין אָסיפּ. שרייב אָן נאָכאמאָל, לאָמיך זען.

און יאָסעלע האָט געשריבן נאָכאמאָל; רחלע האָט נאָכגעקוקט און גע־פּרווט נאָכשרייבן און ס'איז ארויסגעקומען צוקרומט און צעלאָמט; האָט יאָסעלע אָנגענומען איר הענטל און מיט איר צוזאַמען געשריבן: אָסיפּ... אָסיפּ... אָסיפּ... און דאָס מיידל האָט געלייענט און געקוואָלן: אָסיפּ.., אָסיפּ,,,

— נו, יעצט רחלע, שרייב אליין.

און יאָסעלע האָט פריי אָפּגעאָטעמט, ווען רחלע האָט שוין אליין אָנגעשריבן זיין נאָמען.

— און איצט שרייב אָן מיין נאָמען.

יאָסעלע האָט אָנגעשריבן.

— וואָס איז דאָס?

— ראכיל.

— ראכיל?...

— ניין, רחלע געפעלט מיר שענער; האָט ער פלינק אָפּגעענטפערט. געכאַפּט א קוש און איז רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן.

און איצט שרייב אויף „אטשי טשארניא", האָט זי אים שעלמיש אריינגעלאָכט אין די אויגן אריין.

— וואָס? האָט זיך יאָסעלע א כאַפּ געטאָן, קענסטו דאָך רוסיש.

עך קען נישט, פונוואַנען זאָל עך קענען?... „אטשי טשארניא" איז א ליד; איך האָב געהערט זינגען, האָב איך געפרעגט וואָס דאָס איז, האָט מען מיר געזאָגט. שרייבט אויף „אטשי טשארניא".

— ניין, זינג, רחלע!

— שפּעטער... און רחלע האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און געפירט אויפן פּאַפּיר. — שרייב.

יאָסעלע האָט אָנגעשריבן און רחלע האָט געלייענט:

— אַטשי שטאַרגיאַ...

אין דעם איז דורכן צימער פאַרביינגעגאַנגען אַ הויכע, פעטע יידענע מיט אַ ברייטן פאַרטעך און מיט אַ בינטל שליסלעך אין דער רעכטער האַנט.

רחלע האָט אויפגעכאַפּט דער מאַמעס זייטיקן בליק און פאַרענטפערט מיט אַ שמייכל און מיט אַ ווונק:

— מיין לערער.

די מאַמע האָט צוגעשמייכלט און איז אַרויס פון צימער.

— איצט קום וועלן מיר זען צי ס'איז שוין געקומען אַ פור פון גראָדנע.

רחלע האָט אָנגענומען איר לערער אונטערן אָרעם, ווי אַן אַלטן גוטן פריינט און אים אַרויסגעפירט פון שטוב און אויפן שוועל זיך אָנשפּאַרנדיק מיט איין האַנט אויף זיין אַקסל, זיך געשטעלט אויף די שפּיצן פינגער און אויסגעשטרעקט די צווייטע האַנט צום אַנדערן ברעג הויף:

— דאָרט שטייט אַ גראָדנער פור.

זיי האָבן זיך דורכגעשפּאַרט דורך אַ שמאָלער סטעזשקע און האָבן דערזען אַ ברייטביינערדיקן, געלן יידן, אין אַ פויערשער היטל אויפן קאָפּ, אַ קורטקע, אַ פּאָר הויכע, פאַרבלאָטיקטע שטיוול; שטייט מיטן בייטש אונטערן אָרעם און מיט אַן עמער וואַסער אונטערגעשפּאַרט מיט אַ קני, פּויעט די פערד.

— בערל! האָט דאָס מיידל אַרויסגעקלונגען און דער בעל עגלה האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ ביטערן שמייכל.

— רחל, דיין גליק, וואָס כ'האָב פאַרנומען ביידע הענט... וואָס איז?

— איר האָט אפשר אַ פּאָסילקע פון גראָדנע?

— פאַר וועמען?

— פאַר אָסיפּ....

— וויינבערג, האָט יאָסעלע אונטערגעכאַפּט.

— דערווייל איז נישטאָ, אַז ס'עט זיין, וועל עך געבן צו וויסן; ווי זאָגסטע? וואַנבערג... וואַנבערג...

— קום, האָט רחלע אַריינגעסודעט יאָסלען אין אויער אַריין, ער איז אַ גרויסער ליץ.

— רחל, האָסט אַ שיינעם חתן! האָט דער בעל עגלה נאָכגעשריגן און געפינטלט מיט אַן אויג.

— בייסט זיך אָפּ די צונג...

רחלע האָט האַסטיק צו זיך אַ צי געטאָן איר לערער און ער האָט איר בגנבה געשמייכלט אין די אויגן אַריין.

— קומסט מאָרגן?

— די מאַמע וועט מיך סײַ־ווי שיקן אַלע טאָג געוויר ווערן...

— גוט... און זיי האָבן זיך שטאַרק געדריקט די הענט.

אַלע טאָג איז יאָסעלע געקומען געוויר ווערן און קיין פּאָסילקע איז נישט געקומען.

די אַנדערע וואָך איז שוין יאָ אָנגעקומען אַ פּאָסילקע און אין אַ וואָך אַרום נאָך איינע. יאָסעלע האָט אָבער געדאַרפט גיין אַלע טאָג געוויר ווערן, ווייל מ'האָט נישט געוווסט ווען עס קען אָנקומען און אין שטוב האָט מען זיך שטאַרק גענויטיקט.

אַ וואָך איז אַוועק און נאָך אַ וואָך. אַ חודש און נאָך אַ חודש. יאָסע־לע קומט אַלע טאָג; דער טאַטע רחלס האָט זיך שוין דערוווסט, ער האָט אָבער געשוויגן. רחלע איז דערווייל געוואָרן היימישער מיט יאָסעלען.

איינמאָל ערב שבת, האָט ער רחלען דערזען איבער אַ שיסל וואַסער; זי האָט זיך געצוואָגן דעם קאָפּ...

יאָסעלע האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט, אָבער רחלע האָט צו אים אַרויסגעשריגן פון אונטער די פּייכטע, גאָלד־געלאָקטע האָר אַרויס:

— קום אַריין, וועל איך דיך אויסצוואַגן!

און יאָסעלע האָט זיך שעמעוודיק אַריינגעשאַרט.

— זעץ זיך דאָ, האָט זי אים אָנגעוויזן אַ בענקל פּונקט אַנטקעגן איר רחלע האָט זיך דאָס מאָל לענגער און מיט מער הנאה געפּליוסקעט אין וואַסער.

— גיב דעם האַנטעך. האָט זי אָנגעוויזן אויף דער וואַנט נעבן אים.

יאָסעלע האָט איר צוגעטראָגן דעם האַנטעך.

וויש מיר אַרום די פּלייצע.

און יאָסעלע האָט דערפילט ווי דאָס בלוט אין זיינע אָדערן פּליסט ביי אים האַסטיק, ברויזט און קאָכט.

ער האָט נאָך אַזאַ געפיל נישט געהאַט.

מיטאַמאָל:

— טו אויס דעם רעקל!
— ס'העמד!
— וואַרט!
און אַט שטייט שוין אַ שיסל פריש, קאַבעדיק וואַסער און — זיין קאָפּ ליגט שוין אין וואַסער און מיידלשע הענט צוואַגן, צוואַגן...
— נאַ, וויש דיך אָפּ. און דערלאַנגט אים אַ האַנטעך, — אַט אַזוי!
— און איצט לאַז, וועל איך דעך צוקעמען.
און זי האָט זיך ווי אַ קאַץ צו אים גאָר נאָענט צוגעשלייכט, אַזוי נאָענט, אַז ער האָט פאַרנומען איר אָטעם. מיט דער לינקער האַנט זיך אָנגעשפּאַרט, אָן זיין אַקסל און האַלטנדיק אין דער רעכטער האַנט אַ קעמל, האָט זי אים פאַרקעמט זיינע פעך־שוואַרצע האָר אויף אַ שרונד.
— אַזוי, האָט זי אים מיט אַ זיסן שמייכל אַריינגעשושקעט אין די אויגן, וויס עך, אַז כ'האָב אַ שיינעם חתן...
אַז יאָסעלע איז אַהיים געקומען, איז געווען אַ בריוו פון טאַטן.
דער טאַטע האָט געשריבן:
„ליבע גיטעלע:
מער וועל איך קיין פּאַסילקעס נישט שיקן, ווייל איך וויל, אַז דו זאָלסט מיט די קינדער קומען צו מיר קיין גראָדנע. גאָט צו דאַנקען; ס'האָט זיך געמאַכט פּרנסה, אָבער ס'איז ניט קיין תכלית, אַז איך זאָל דאָ זיין און איר — דאָרט.
שיק איך דיר אויף הוצאות און פאַרפּאַק אַלע שטוב־זאַכן און קום קיין גראָדנע.
אין גראָדנע איז אויך דאָ אַ גימנאַזיע און גראָד אַ יידישע.
דיין מאַן, וואָס דערוואַרט אייך מיט אומגעדולד:

אַברהמל"

ליבעלע איז איינגעשלאָפן אויפן דיל שפּילנדיק זיך מיט קעסטעלעך, בויענדיק אַ „וואַרשעווער שטוב".
יאָסעלע ליגט אויף דער סאָפקע און כראָפּעט.
טאַטע־מאַמע באַטראַכטן דורך די פענצטער אַ גראָדנער גאַס.
— צו וואַרשע קומט עס נישט, באַמערקט די מאַמע און לאָזט אויס, — אַבי עס זאָל נאָר זיין פּרנסה.

— אפשר א גלעזל טיי? ס'איז דאָ.

— מילא...

טאַטע־מאַמע טרינקען [illegible] און קוקן אויף זייער יאָסעלען, ווי ער שלאָפֿט [illegible] נישט [illegible] [illegible]; מסתמא, אַז ער איז אין גראָדנע; זיינע געדאַנקען מוזן זיין ערגעץ אין וואַרשע.

מיטאַמאָל באַמערקן טאַטע־מאַמע, ווי ביי זייער זון באַוועגן זיך די ליפּן און שעפּטשען: — רחלע... רחלע...

טאַטע־מאַמע צעלאַכן זיך אויפן קול, יאָסעלע כאַפּט זיך אויף און זוכט אַרום זיך מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן...

דער פילאָזאָף

דער פעטער נח, האָט מען אים גערופן אין דער משפחה און אין שטאָט האָט מען אים גערופן, דער פילאָזאָף.

פאַרוואָס האָט מען אים נישט גערופן ביים נאָמען, ווי מ׳רופט יעדן יידן, איז עס אַ פּנים דערפאַר וואָס ער איז אין שטאָט נישט נושא חן געווען.

מסתמא דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין חקירה. ס׳פּאַסט נישט פאַר אַ יידן!...

אויסגעזען האָט דער פעטער נח ווי דער באַרימטער הומאָריסט שלום עליכם.

איבערן ברייטן שטערן זיינען אים אַראָפּגעהאָנגען בלאָנדע לאָקן פון דער שפּאַרער טשופּרינע און אַז ער האָט געטראָגן דעם הוט מיט די גרויסע פליגלען, האָט אים פון הינטן אַרויסגעשטאַרט אַ קוטשע האָר, וועלכע האָט זיך געבאַמבלט אויפן קאַרק ווי צעפּלאַשעטע האָר פון אַ יונג מיידל...

פון הינטער גרויסע שפּאַקולן האָבן אַרויסגעשמייכלט מילדע, בלויע אויגן, באַצויגן מיט אַ דינעם נעפּל פון אַ באַהאַלטענעם אומעט אונטער די געדיכטע ברעמען.

פון די מאָגערע, איינגעדאַרטע באַקן האָבן אַרויסגעשטאַרט די קין־ביינער און פון הינטער אַ פיין־געשניצטער נאָז האָבן זיך געצאַפּלט דינע, שיטערע וואָנסעס און זיך צענויפגעמישט ווי אין אַ שטיפערישן שפּאַס מי־טן קמץ־בערדל...

זיין געשטאַלט איז געווען דראָבנע, מאָגער און קינדעריש־דירעווּדיק.

זייער אָפּט פלעגט ער טראָגן אויף זיינע שמאָלע פּלייצעס אַ שוואַרצע פּאַלערינע, וואָס איז צו יענער צייט געווען אַ זעלטנהייט אין יענע מקומות.

די ברידער, פרומע יידן, מיט לאַנגע בערד און פּיאות; פרום־יידיש

געקליידט, אין לאַנגע קאַפּאָטעס מיט גאַרטלען, האָבן געפירט גרויסע געשעפטן, געהאַנדלט מיט מלבות און זײַנען טאַקע געווען גרויסע גבירים און מ'האָט פון זיי געהאַלטן.

ווער האָט נישט געקענט רב יענקלען?

חדר־ייִנגלעך פלעגן אָנווייזן מיטן פינגער:

— אָט גייט רב יענקל!

ווער האָט נישט געקענט שלומקען?

פּריצטעס פלעגן יִים דורכשמעכן מיט די אויגן, ווען ער פלעגט זיך ווייזן אין גאַס.

אין דער פילאַזאָף פלעגט זיך גאָר זעלטן באַווייזן פאַר לייטן. ער פלעגט זיך דורכשאַרן ווי אַ שאָטן אין די אָוונטן און גיך פאַרשווינדן.

צו וואָס זיך באַגעגענען מיט בליקן ווי שפּיזן?

פלעגט ער זיצן גאַנצענע טעג אין זײַן ענגן אַלקערל פאַרטיפט איבער דיקע ביכער און זיך פאַרטראַגן אין אַנדערע וועלטן.

אַז עס פלעגט ווערן טונקל, פלעגט ער נעמען זײַן פידעלע און ווי צווישן שאָטנס אַ שאָטן אין אַ ווינקל, פלעגט ער לאַנגזאַם ציען דעם סמיטשעק איבער די דינסטע סטרונעס און אַזוי צוזאַמען מיטן פידל אויסווייִנען זײַן אומעט.

זײַן לעבן איז געווען אַ דראַביאַזקער וועג אין אַ שטענדיקן האַרבסט.

די נאַטור, האָט ער געוווסט, צייט די וועלט האָט זיך געשאַפן, האַלט זיך אין כסדרדיקן איבערוועקסלען: פרילינג, זומער, האַרבסט און ווינטער; פאַר אים איז כסדר האַרבסט...

אין די געשעפטן איז אים כסדר געגאַנגען שלים מזלדיק. צו וואָס ער אָט זיך גענומען, איז אים געגאַנגען מיט די פוטער אַראָפּ. און אַז אַנדערע האָבן דערנאָך געמאַכט די זעלבע געשעפטן, האָבן זיי געשאַרט גאָלד...

אַלעמאָל אַ פּיאָנער און אַלעמאָל שלים מזל...

האָט ער געמאַכט אַ סינעמאַ, דער ערשטער סינעמאַ אין לאָמזשע, האָט ער צום יאָר אָפּגעבערענט...

האָט ער געמאַכט אַ קאַסינאָ פאַר אָפיצירן, איז ער קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן.

שיכורע אָפיצירן האָבן אים געוואָלט מימתן...

האָט ער געמאַכט אַ קינסטלעכע גליטש. „סקעטינג ריג" האָט ער עס אַ נאָמען געגעבן, אַ קלינגענדיקער נאָמען. אַ סקעטינג, דער ערשטער אין גאַנ־

צו לאנד. דער גובערנאטאר איז צו אים געקומען זיך גליטשן און ווער נישט? האבן אנדערע זיך געגליטשט און ער האט זיך אויסגעגליטשט...

א ווייב האט ער געהאט, האט מען נאך אזא שיינקייט נישט געזען און קלוג געווען און איידל, איז זי אים יונג געשטארבן. האט ער באשלאסן מער נישט חתונה צו האבן.

האט ער אויסגעהאדעוועט צוויי זין, שיינע, הויכע, סאסנעס!

זיינען זיי, נאכן ענדיקן די גימנאזיע אין לאמזשע, אוועק קיין ווארשע שטודירן.

דער עלטערער, זאגט מען, האט געענדיקט מעדיצין; האט זיך אין אים פארליבט א פוילישע פריצטע, פון די מאניושקאס און האט אים אראפגע־פירט פון גלייכן וועג.

דערנאך, דערציילט מען, איז ער געווארן אן אפיציר אין דער פויל־ישער ארמיי און ער איז אוועק אין דער מלחמה.

מער האט מען נישט געהערט פון אים.

דער יינגערער, האט מען דערציילט, האט געענדיקט פילאזאפיע און איז געווארן א הייסער ציוניסט. מיטן ברודער איז ער געווארן אויף מעסער־שטעך, א פאררעטער פון זיין פאלק און נישט גערעדט מיט אים, זיך נישט געוואלט אפילו טרעפן מיט אים, נישט געוואלט וויסן פון אים און דעם טאטן אין א בריוו אלץ דערציילט. האט דער טאטע אין דער פינצטער גע־וויינט און געשטיקט די טרערן, אז לייטן זאלן נישט הערן...

אז די ווונדן האבן זיך פארהיילט, האט נאך אבער אלץ געפרעסט דער אומעט פון עלנד און פארשטויסן זיין פון מענטשן.

אין בית מדרש פלעגט ער נישט קומען, סיידן אין די פארכטיקע טעג.

דאן פלעגט ער שטיין אויפן מזרח ביי די ברידער. ער פלעגט קיין טלית נישט אנטאן און קיינער האט אים נישט געצווונגען. נישט איז נישט! פלעגט ער שטיין מיטן פנים צו די מתפללים מיט א פארשלאסענעם מויל און מיט שטומע בליקן.

אלע האבן געוווסט, אז ער פאסט אין יום הקדוש, ווייל ער האט פון כל נדרי ביז נאך נעילה נישט אפגעטראטן פון בית מדרש צעגלייך מיט די פרימסטע יידן פון שטאט.

זיינע ליפן האבן זיך אבער נישט נעעפנט און זיין גוף האט נישט קיין ציטער געטאן, ווי א נישטדאיקער איז ער געווען אומבאוועגלעך און אן א

שאַרף צווישן אַ וואַלד פון באַוועגונג און גערויש...

קיין שמייכל האָט זיך אָבער אויך נישט באַוויזן אויף זיינע ליפּן אין יענע טעג.

זיין גאַנצער וועזן האָט אויסגעדריקט טרויער.

איינמאָל, יום כיפּור, ווען עס האָט שוין געהאַלטן ביי נעילה, האָט מען פּלוצלונג באַמערקט ווי דער פעטער נח האָט זיך געכאַפּט ביים האַרצן, זיך געבויגן אויף אַ זייט און געפאַלן.

אין בית מדרש איז געוואָרן אַ טומל.

— דער פילאָזאָף האָט געחלשט!

מ׳האָט אים אַוועקגעפירט אין שטוב אריין, אים געלייגט אין בעט, גערופן אַ דאָקטאָר. ס׳איז שוין אָבער געווען שפּעט. ווען אין שול האָט מען געבלאָזן שופר, איז ער אויסגעגאַנגען.

האָבן יידן געשעפּטשעט:

— אויסגעגאַנגען צו נעילה...

— אַ גוטער סימן...

— מ׳קען אַ יידן נישט אָפּשאַצן...

— לאו כל אדם זוכה...

און אויף צו מאָרגן האָט ער געהאַט אַ לויה, גאַנץ שטאָט.

און מ׳האָט געזאָגט אין שטאָט:

— געלעבט ווי אַן אפּיקורס און געשטאָרבן ווי אַ צדיק...

דריי דורות

אַלטע לייט האָבן דערציילט זייערע קינדער און זיי — זייערע קינדער, אַז דער לאָמזשער וואַסערטרעגער שרה דאַבעס איז געווען אַ למד וווניק.

האָט מען וועגן אים דערציילט אויסטערלישע זאַכן.

אַט האָבן מענטשן דערציילט, וואָס האָבן געזען פאַרטאָג, ווינטער אין אַ ברענענדיקן פראָסט, ווען ס'איז נאָך געווען טונקל, ייִדן זיינען געגאַנגען דאַווענען צו השכמה און טאַקע די ייִדן אַליין האָבן געזען, ווי דער וואַסערטרעגער וואָווע שרה דאַבעס, האָט מיט אַ האַק אויסגעהאַקט פון נאַרעוו אַ קריעה אייז. גאָרנישט, האָבן זיי געמיינט, אַז ער גייט שעפּן וואַסער; נאָר... ער וואַרפט גאָר אַראָפּ פון זיך די בגדים און אַט איז ער שוין אונטערן סאַמע אייז. מ'איז פאַרצאַפּלט געוואָרן און מ'איז געלאָפן צום נאַרעוו, נאָר איידער מ'האָט זיך אומגעקוקט, איז ער נעלם געוואָרן...

אין דער זעלבער צייט, האָבן אים אַנדערע געזען מיט די עמערס וואַסער...

ווי אַזוי וואָווע איז פון דער וועלט נישט אומגעקומען פון די ווינטערדיקע טבילות, האָט קיינער נישט געקענט משיג זיין. אַ ייִד, אַ חלוש געווען, געפאַסט אַלע תענתים, אַ חוץ יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק און אַ ברעקל פלייש האָט ער פאַרזוכט נאָר משבת לשבת און לכבוד יום טוב...

זיין תיקון חצות האָט געקלונגען איבערן שטאָט; זיין געוויין האָט מען געקענט צוגלייכן צום געוויין פון די שאַקאַלן אויף די חורבות פון ירושלים...

און אַ מוראדיקער עניו געווען, כאָטש מ'האָט געוווסט, אַז ער קען גוט לערנען, האָט ער דאָס קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן; לומדים האָבן אים געוואָלט נישט איינמאָל אַריינפירן אין אַ ויכוח וועגן אַ פלוגתא צי סתם וועגן אַ האַרבן ענין, פלעגט ער זיך אַרויסדרייען מיט אַ צי מיט די אַקסלען; אָבער לייט האָבן בפירוש געזען, אַז ער ווייסט אַ דין.

— מילא, ווייל ער נישט, ווייל ער נישט... האָט מען אים רואיק געלאָזט שטיין אויף זיין אָרט אין אַלטן בית מדרש, צווישן טיר און האַנט־פּאַס, וועלכן ער פלעגט אַלע טאָג אָנפילן מיט וואַסער און דערפאַר קיין קאָפּיקע נישט נעמען; ביי קהל ווייל ער נישט נעמען און פון אַ דבר מצוה ווייל ער נישט נהנה זיין. אַזוי האָט ער געטענהט און וויפל מ׳האָט זיך געבעטן, האָט נישט געהאָלפן. איז געבליבן, אויך די אייגענע מעשה:

— מילא, ווייל ער נישט, ווייל ער נישט...

דאַר און קליין געווען און ווי לאַנג מ׳געדענקט אים — ווייס ווי אַ טויב... און בלויע טויבן־אויגן האָט ער געהאַט, וואָס האָבן תמיד געבעטן זיך: — זייט גוט, זייט פרום...

ווי אַזוי ער האָט געקענט פאַרטראָגן ביזן סאַמע לעצטן טאָג די צוויי שווערע עמערס וואַסער פון דעם נאַרעוו צום שטאָט באַרג אַרויף; אויס־געליידיקט אין פאָדער הויז, אין פּאַס, אָפּגענומען די קאָפּיקע, ווייטער אַראָפּ צום וואַסער, אָנגעשעפּט און ווידער געטראָגן באַרג אַרויף... אַזוי כסדר, זומער אין די היצן און ווינטער אין די פרעסט און שנייען, רעגנס און אין זאַווערוכעס; אַז די גאַס איז געווען ליידיק. קיין לעבעדיקע באַ־שעפעניש נישט צו זען, האָט מען דורכן פענצטער געזען דעם וואַסערטרע־גער, וואָס שרה דאַבעס מיט צוויי עמערס וואַסער. אַז מ׳האָט געטענהט:

וואָס, לאָז אָפּ היינט; האָט ער נישט אָפּגעלאָזט. ניין — האָט ער געטענהט, מ׳קען נישט לאָזן אַ שטאָט אָן וואַסער.

און אַז מען האָט ווייטער געטענהט; נעמט אַ גוי!... האָט ער געטענהט — זיין מצוה. און אַז קהל האָט אים געוואָלט געבן אַ פערד און וועגעלע, האָט ער געטענהט: — צער בעלי חיים...

אַז מען האָט געזען, אַז מען קען מיט אים גאָרנישט מאַכן, איז גע־בליבן ווידער די אייגענע מעשה:

מילא, ווייל ער נישט, ווייל ער נישט!

האָט מען אים געזען לויפן מיטן ווינט; די הענט אויסגעשפּרייט, די אויגן פאַרזשמורעט און ליפּן האָבן נישט אויפגעהערט שעפּטשען:

— *משיח צדקנו... משיח צדקנו...*

מ׳האָט קוים ביי אים געפּועלט, ער זאָל אַהיים קומען.

אויף מאָרגן איז ער נפטר געוואָרן.

זיין יידענע רבקהביילע האָט אים איבערגעלעבט מיט אַ יאָר צוויי.

אַ יידענע געווען, האָט מען געזאָגט: שטאַרק ווי אַ מאַנסביל; ביזן לעצטן טאָג האָט זי געהאַקט האָלץ און די אָנגעהאַקטע האָלץ אַליין אוועקגעטראָגן צום גביר, וואָס האָט געוווינט ווייט אַרויס פון שטאָט, ביי די מילן. און וועש האָט זי געוואַשן, האָט עס געבלאַנקט און איר שטיבל האָט געפינקלט מיט געלן זאַמד און געפוצטע לייכטער. שבת אין דעם איינגעהויקערטן שטיבל עק שטאָט האָט די שכינה גערוט און אַז דער אַלטער האָט זיך צעזונגען: שלום עליכם!... האָט מען געהערט מלאכים פאַכען מיט די פליגלען...

אַזוי האָט די אַלטע דערציילט, גאָבדעם, ווי איר מאַן, דער צדיק איז נפטר געוואָרן, און איין בקשה האָט זי געהאַט צום טאַטן אין הימל. איר בן יחיד, דער קדיש יצחק אייזיק זאָל זיין ווי דער טאַטע, באַטש אויסגעזען האָט ער ווי די מאַמע, הויך, שטאַרק, געזונט — אַ סאַסנע...

יצחק, אייזיק האָט אָפּגעהיט דעם קדיש. דריי מאָל אַ טאָג געדאַוונט פרנס, געאַרבעט ערלעך. אָבער אַז די בעלי בתים האָבן נאָך זיין טאַטנס טויט פאַרלאַנגט פון אים, אַז ער זאָל מסכים זיין, שטאָט זאָל אים קויפן אַ געשפאַן;

— שטאָט איז גרויס געוואָרן, האָט מען מיט אים איינגעטענהט, מיט אַ פערד און וואָגן און אַ פאַס וואַסער אויפן וואָגן און אַ פאָר עמערס אין די זייטן פון וואָגן, וועט ער קענען באַווייזן צו באַזאָרגן די שטאָט און אגב, וועט ער דאָס נישט טאָן, וועט עס אַן אַנדערער טאָן... איז ער מסכים געווען.

נו, איז יצחק אייזיק געוואָרן אַ וואַסערפירער, דער ערשטער וואַסערפירער אין שטאָט, און קינדער זיינען אים נאָכגעלאָפן און באַטראַכט אויף חידוש זיין וואָגן־פאַס מיט די צוויי עמערס.

און אַז אין שטאָט זיינען געוואָרן אָפטע שריפות און שטאָט האָט געשאָפן אַ פאַזשאַרנע, איז יצחק אייזיק וואַסערפירער גאָר געוואָרן דערהייבן, אַליין דער ערשטער פאָזשאַרניק. און אַז עס האָט זיך געמאַכט אַ שריפה, איז אַן יצחק אייזיקן — אני רוך... יצחקס אייזיקס שקאַפע וואָס האָט זיך געשלעפּט מיטן פאַס־וואָגן ווי אַ זקנה — טיפ... טיאָפּ, האָט צו אַ שריפה באַקומען פליגלען פונקט ווי איר בעל הבית, יצחק אייזיק, וואָס לצים האָבן גערופן „פאַרגליווערטער סטאַוו".

אַז די אַלטע איז געשטאָרבן, האָט מען בלויז איבערגעוואַרט דעם יאָר און מ'האָט גענומען יצחק אייזיקן רעדן שידוכים און מ'האָט אים איבערגערעדט מיט אַ יונגע, נישט קיין מיאוסע מויד, אַן אָרעמע און נישט פון געהויבענעם יחוס; די מאַמע, האָט מען געזאָגט עפּעס... דעם טאַטן האָט קיינער נישט געקענט און לצים האָבן געמורמלט, אַז אַן אַמעריקאַנער האָט זיך פאַרוואַלגערט אין שטעטל. יצחק אייזיקן האָט עס געאַרט ווי דער פאַראיאָדיקער שניי; זאָלן לצים רעדן וואָס זיי ווילן; די מויד געפעלט אים און מ'האָט געשטעלט אַ חופה. אַז צום יאָר איז געבאָרן געוואָרן אַ ייִנגל, האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן וואַווע, נאָכן זיידן.

דער יונג איז געוואַקסן, אַ טאַסנע, ווי דער טאַטע און שיין, ווי די מאַמע.

און טאַטע־מאַמע האָבן אָפּגעמאַכט, אַז דעם יונג דאַרף מען לערנען, ער זאָל אויסוואַקסן אַ לייט.

אין יענער צייט, דערציילט מען, איז אַ משולח אַראָפּגעקומען אין שטאָט.

אַ ירושלמי, אַ געבוירענער אין ירושלים. אַ שיינער ייִד, אַ הויכער, מיט אַ שוואַרצער באָרד, מיט שוואַרצע אויגן, אַ הויכן שטערן און אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ הוט מיט ברייטע ראַנדן, אַזוי ווי די אַריסטאָקראַטן האָבן געטראָגן, אָבער די קאַפּאָטע איז געווען לאַנג און מיט אַ שפּאַלט.

דער ייִד האָט געדרשנט אין קאַלטן בית מדרש צווישן מנחה און מעריב און גאַנץ שטאָט איז געווען צענויפגעשפּאַרט און מיט אָפענע מיילער געהערט די חידושים פון ירושלים, פון כותל מערבי, פון קבר רחל, פון דער אַלטער חורבה, וווּ עס האָט געדאַוונט רבי מאיר בעל הנס און וועגן מאה שערים און די שומרי החומות... דער ייִד האָט גערעדט און ייִדן און ווייבער האָבן געווישט די אויגן און געקרעכצט.

יצחק אייזיק האָט מיטגענומען זיין וואַוועלען; ער האָט שוין אָנגעהויבן לערנען חומש און ער האָט שוין געוווּסט וועגן די אבות און וועגן דער מערת המכפלה, זאָל ער מיטגיין, וועט זיך עפּעס צוקלעפּן... און די מאַמע האָט אַראָפּגעקוקט פון דער ווייבער־שול און אָנגעקוואָלן פון איר בן יחיד, וואָס הערט זיך צו ווי אַ דערוואַקסענער און אַז דער מגיד האָט געענדיקט מיט „ובא לציון גואל", האָט וואַווע זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט. פלינק ווי אַ פייגל אַ פלאַטער געטאָן צו דער בינע, וווּ עס איז געשטאַנען דער ירושלמי און אַנטקעגן אים, אויפן טיש איז געשטאַנען די פּושקע פון

רב מאיר בעל הנס. דער ייִנגל האָט זיך אויף די שפּיצן פינגער געשטעלט און אַרייַנגעוואָרפן זייַנע אָפּגעשפּאָרטע דריי קאָפּיקעס. דער עולם האָט געגאַפט און אַז דער מגיד האָט געפרעגט: מי זה? האָט מען אים געזאָגט ווער דער זיידע איז געווען, האָט ער דעם ייִנגל אַ קניפּ געטאָן אין בעקל און דערנאָך אַרויפגעלייגט זייַנע ביידע הענט אויפן ייִנגלס קעפּל און אים געבענטשט:

— זה הקטון גדול יהיה!... און פון דער ווייבער־שול האָט זיך געהערט אַ פאַרשטיקט געוויין.

א מענטש — אַ מלאך...

ווער האָט נישט געקענט אין וואַרשע דעם דאָקטער הורוויטש?

אַ מאַן מיט אַן אויסזען פון אַ פּרינץ.

הויך און שלאַנק, ווי אַ ווירע.

זיין לענגלעך, מאַטאַווער פּנים — באַצירט מיט שוואַרצע קאַרשן־אויגן, מיט אַ גריכישער פיין־געטאַקטער נאָז אַן אַנגעזאַטלטע מיט גלאַנצנ־דיקע פּענסנע...

מיט דינע רויטע קאַרשן־ליפּן און אויערן ווי ביי אַ קרוליק — גרייט אויפצונעמען יעדן שאָרך...

איבער זיין הויכן רבנישן שטערן פאַלן אַריבער כוואַליעס פון זיין קויל־שוואַרצער טשופּרינע און ווי אַ צאַפּלדיקער זון־שטראַל, שוועבט תמיד אויף זיינע ליפּן אַ צאַרטער, נישט קיין געמאַכטער, פּשוט־מענטשלעכער שמייכל.

אַליין פון באָברויסק, רעדט דער דאָקטער הורוויטש אַ רוסיש־יידיש און פאַרבייט אָפט דעם סין מיטן שין און עס קליידט אים, ער שמייכלט דערביי און עס צאַפּלט זיך אַ שוואַרצער לאָק איבערן שטערן...

ביי דער פאַמיליע וויינבערג איז דער דאָקטער הורוויטש דער הויז־דאָקטער;

איז עמעץ אין שטוב קראַנק געוואָרן, רופט מען באַלד דעם דאָקטער הורוויטש און ווי זאָגט חנהלע: „פריער גאָט און דערנאָך דאָקטער הור־וויטש", אַליין אַ מענטש, אַ זייד און אַן אַלטער ידיד פון רב יצחק וויינ־בערגן און טאַטע חברים פון „לינת הצדק"; קומט נישט אַריין צו די וויינ־בערגס אין שטוב אַריין קיין אַנדער דאָקטער ווי דער דאָקטער הורוויטש און אַז ער קומט, ברענגט ער מיט זיך די רפואה און אַז איינמאָל איז פון

לאָמזשע געקומען דער זיידע רב יעקב און געטראָפן אַז איינִיקל קראַנק, האָט ער גלייך אַ זאָג געטאָן. — נו שיקט נאָכן מלאך רפאל! איז פון ראַז אָן דער דאָקטער הורוויטש געוואָרן דער מלאך רפאל.

יאָסעלע, דאָס מוזשיניקל איז קראַנק. אַהיים געקומען פון חדר און זיך געקלאָגט:

— מאַמע, עס טוט ווי דער קאָפּ!

האָט די מאַמע אים גיך אויסגעטאָן, אַריינגעלייגט אין בעט און גע־שיקט רופן דעם דאָקטער הורוויטש.

דער טאַטע איז נישטאָ, אין וועג, אויף דער רייזע; אַליין מיט אַ קראַנק קינד;

נייט אַרום די מאַמע איבערן שטוב אַ פאַרזאָרגטע, מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ און אירע ליפּן שעפּטשען:

— אַ נס וואָס מיר האָבן דעם דאָקטער הורוויטש, טאַקע ווי דער טאַטע זאָגט „אַ מלאך”, דעם נאָמען פון מלאך געדענקט זי נישט, שעפּטשען אירע ליפּן:

— אַ מענטש — אַ מלאך...

די טיר עפנט זיך און ווי אַ וויכער לויפט אַריין אין שטוב דער מענטש — דער מלאך, נעמט אַראָפּ פון קאָפּ דעם שוואַרצן, ברייט־געפליגלטן הוט; וואַרפט אַראָפּ פון זיך די ברייטע, שוואַרצע פּאַלערינע; שטעלט אַוועק אין אַ ווינקל דעם שוואַרצן שטעקן מיטן ווייסן, ביינערן הענטל; שטעלט אַוועק אויפן טיש דאָס קליינע לעדערן, שוואַרצע וואַליזקעלע און דערלאַנגט חנה־לען אַ וואַרעמע, פריינדלעכע האַנט מיט אַ שמייכל צו.

— ווער ביי אייך?

— דאָס קינד? ענטפערט די מאַמע און שטיקט אין האַלדז די טרערן.

— דער מוזיניק, יאָסעלע?

— געקומען פון חדר מיט היץ... ליגט און פיבערט... און מיין מאַן איז נישטאָ...

— נו־נו, זייט נישט קיין אידענע; לאָמיר אָקאָרשט זען!

יאָסעלע ליגט אין בעט מיט פאַרגלאַצטע אויגן; ס'פּנימל — אַ שטיק פייער און דאָס גופל ציטערט; קאַלט — אייז...

— געקאָכטע וואַסער!

— אָנגיסן אין פלעשער!

— צולייגן צו די פיס!

— אָט אזוי!
— דעקט אים גוט איין:
— זאָל ער שלאָפן!
— און איצט וועל איך אים פארשרייבן פראָשקעס, צו שוויצן.
דריי מאָל אין טאָג און פארן שלאָפן איינרייבן די פלייצקע.
— דריי מאָל אין טאָג מיט א בישינקע וואסער און בייגאכט מיט קאָנ־פאָר איינרייבן די פלייצקע.
— מער גאָרנישט און מאָרגן אינדערפרי, איידער איך גיי צו די וויזי־טן וועל איך זיין ביי אייך.
די מאַמע ווישט א טרער.
— נו־נו אסטאַווטיע, טרעוואזשעט זיך נישט, ער וועט זיין געזונט!
— זאָל איך דעפעשירן צו מיין מאַן, ער זאָל קומען?
דער דאָקטער הורוויטש פארטראכט זיך א וויילע און ענטפערט שטיל:
— נו, דאָס מעשאיעט נישט!
— און די קינדער?
— אוועקגעשיקט פון שטוב.
— לאַדנאַ, מאָרגן באלד אין דער פרי קום איך און טרעוואזשעט זיך נישט; א בליק אין אַלקערל אריין — ער שלאָפט, איז גוט. א וואַרעמען דריק די האַנט, אויף זיך די פאַלערינע, גענומען דעם הוט, די וואַליזקע, דעם שטעקן און שטיל זיך אראָפגעשלייכט פון די טרעפ און ס'האָט זיך געהערט ווי ער שעפטשעט צו דעם דוואָרניק אויפן אויער: — טשטאָבי בילאַ טיכאַ, טשטאָבי רעביאַטאַ ניע שומילי... (זאָל זיין שטיל, זאָלן די קינדער נישט טומלען...)
און די מאַמע שטייט אין טיר און בעט:
— דאָקטער הורוויטש, גאָר פרי, איך בעט אייך! און דער דאָקטער הור־וויטש מיט א פינגער אויפן מויל: — ששש...
פארטאָג איז שוין דער דאָקטער הורוויטש געווען און שוין געטראָפן זיין אַלטן ידיד יצחק און אים געטרייסט:
— ס'וועט זיין בלאַגאָפּאַלוטשנאַ.
— ווען געקומען?
— אין מיטן נאַכט, דערהאַלטן א דעפּעש.
— וואָס מאַכט דאָס קינד?
— שוויצט א גאַנצע נאַכט, ליגט אין א טייך.

און די מאַמע ווישט אַ טרער.

טאַטע־מאַמע פירן אריין דעם דאָקטער אין אַלקערל.

יאָסעלע ליגט אין אַ טייך. ס׳קעפּל קאַלט... ציטערט... אויף די ליפּן שוים...

— קומט ארוים... פאַרמאַכט די טיר...

אין צווייטן צימער סודעט זיך דער דאָקטער מיט רב יצחק ווייגבערגן און זיין ווייב.

— קריזיס... קאָנוואַלסיע... ארוים פון סכנה..

— הערסט יצחק, געווען אין סכנה!

דער דאָקטער מיטן פינגער אויף די ליפּן:

— ששש...

— טוט אַ קוק!

די מאַמע כאַפּט זיך אריין צום קינד און קומט ארוים מיט אַ זיפץ.

— נעעפנט די אויגן.

— איך האָב אַ ניי־געבוירן קינד...

— טיף, ארוים פון סכנה; נאָך אַ פּאָר טעג...

אַז דער דאָקטער איז אַוועק, שעפּטשעט חנהלע:

— אַ דאַנק פריער גאָט און דערנאָך זיין מלאך...

אויפן דריטן טאָג, האָט דער דאָקטער הורוויטש געהייסן בייטן די פּראַשקעס און געבן דעם קראַנקן יאָסעלע „אַ בישינקע זופּ, קאַלטע, זיסע טיי מיט לימאָן, אַ ברעקעלע, ווייכינקע עוף, אַ סוכארע און מער גאָרנישט".

צוויי וואָכן האָט יאָסעלע נישט געטאָרט גיין אין חדר, דערפאַר אָבער האָט יאָסעלע באַקומען פון דאָקטער הורוויטש אַ מתנה.

ס׳איז געווען אַזוי.

אַז יאָסעלע איז צו דער וואָך געזונט געוואָרן, איז דער דאָקטער הור־וויטש געקומען צו אים זיך דורכשמועסן.

ס׳איז געווען פאַרנאַכט און בלאַסע שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון האָבן זיך פאַרגנבעט און אריינגעקוקט צו יאָסעלען, וועלכער איז האַלב ליגנדיק, געזעסן אויף דער סאָפקע אין עס־צימער אונטערגעלייגט אויף אַ ווייכן קישן.

נעבן אים איז געזעסן טאַטע־מאַמע און געקוקט אין די אויגן אריין. ס׳האָט זיך דערהערט אַ קלונג אין טיר און ס׳האָט זיך באַוויזן די שלאַנ־קע, עטוואָס באַשאָטנטע געשטאַלט פון דאָקטער הורוויטשן. דאָס מאָל האָט

ער נעהאַלטן אין האַנט אַ ביכל און עם דערלאַנגט יאָסעלען.

— נאַ, לייען!

יאָסעלע לייענט איבער אויפן טאָוול:

— „יאָסעלע פון יעקב דינעזאָנען” און זיינע ליפן שעפטשען: — אַ דאַנק... דער דאָקטער הורוויטש זעצט זיך צו און פרעגט:

— ווו האַלטסטו אין חומש?

— וישלח.

— וואָס האָט יעקב געשיקט צו עשון מלאכים צי שלוחים?

— רש״י זאָגט: מלאכים ממש.

— און וואָס זאָגסטו?

— איך זאָג, אַז אַ מענטש קאָן אויך זיין אַ מלאך...

דער דאָקטער הורוויטש רוימלט זיך, שמייכלט צו טאַטע־מאַמע און הייבט זיך שטיל אויף פון אָרט און טאַטע־מאַמע נאָך אים.

די מאַמע האָט אַמאָל יאָסעלען דערציילט וועגן „יאָסעלע דינעזאָנס” און איצט שלינגט ער די ווערטער, די שורות, די בלעטלעך און, אַז ער ווערט מיד, פאַרמאַכט ער אַ ביסל די אויגן־לאָדנס און זעט פאַר זיך די געשטאַלט פון דעם דאָקטער הורוויטש און זיינע ליפן שעפטשען:

— אַ מענטש — אַ מלאך...

ווייסע אַקאַציעס

דער סטודענט חיים וויינבערג איז אין זיין וואַקאַציע־צייט אַראָפּגעקו־
מען אין שטעטעלע ס־, ווען די אַקאַציעס האָבן געבליט.

געבוירן און דערצויגן אין דער טומלדיקער וואַרשע, האָט אים גענאָגט
אין האַרצן אַ בענקשאַפט צו דער שטילקייט פון דעם קליינעם שטעטל און
אַז דער צ. ק. פון די „צעירי ציון" האָט באַשטימט אים צו שיקן אין שטעט־
טל — צו אָרגאַניזירן די דאָרטיקע יוגנט, איז חיים וויינבערג מיטאַמאָל
דערפרישט געוואָרן און פריי אָפּגעאָטעמט. ענדלעך וועט ער זיך אַרויסרייסן
פון דעם שמאַטישן טומל און ער וועט האָבן אַ געלעגנהייט אויסצורוען
זיינע צערודערטע נערוון און אין זיינע לונגען, וועלכע זענען אָנגעזאַפּט מיטן
שטאָטישן רויך און שטויב, איינצואָטעמען דעם ריח פון וואַלד און פעלד און
פון פרישע אָנהייב־פרילינגדיקע אַקאַציעס...

חיים וויינבערג איז אָנגעקומען אין שטעטל ס — שפּעט ביינאַכט און
גלייך פאָרפאָרן צו זיין אַלטער מומען, וועלכע איז געווען אַן אַלמנה און
האָט געוווינט אין אַ ירושה־שטוב אין מאַרק, וווּ עס האָבן זיך געפונען די
שורות געוועלבער און עס האָבן געוווינט די סאַמע געהויבענע באַלעבאַטים
פון שטעטל.

דאָס שטעטל איז שוין געווען איינגעהילט אין פינצטערניש און אין טי־
פן שלאָף. די מומע זלאַטע איז אָבער געזעסן ביי אַ נאַפט־לעמפּל מיט שפּאַ־
קולן אויף דער גרויסער נאָז און אָנגעשטרענגט אירע מידע אויגן איבערן
דיקן צאינה וראינה; דערביי שטאַרק אָנגעשטרענגט זיך אויפצוכאַפּן יעדן
שאָרך, וואָס קומט פון דרויסן... מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ לייכטער
קלאַפּ אין לאָדן... די מומע זלאַטע האָט זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט, ווי
דאָס האַרץ וואָלט איר געזאָגט: „אָט גייט ער!" זי האָט זיך דערמאָנט אַז

ברייזל פון װאַרשע, אַז ער דאַרף טאַקע קומען מיטן באַן שפּעט ביינאַכט... מיט ציטערדיקע הענט אױפגעשפּאַרט די טיר און מיט פּאַרטרערטע אױגן באַגעגנט דעם גאַסט: — היימקע!... מער האָט די מומע זלאַטע נישט געקענט אַרױסרעדן, זױ דער לשון װאָלט ביי דער אַלטער יאַדערדיקער אידענע מיט־אַמאָל אַפּגענומען געװאָרן. זי האָט געדענקט אים װי אַ קינד פון דריי יאָר און אַט שטייט פאַר איר אַ שיינער, אױסגעװאַקסענער בחור...

שכנים האָבן זיך דערװוּסט און מ'איז מיטאַמאָל װאַך געװאָרן, גע־כאַפּט אױף זיך, װאָס עס האָט זיך געלאָזט, אַ פאַלטא, אַ שלאָף־ראָק, פאַר־װיקלט אין שאַלן, אױף די פיס, שטיװל, קאַלאָשן, לאַטשן און זיך רייבנדיק די אױגן און זיך טשוכענדיק צו פאַרטרייבן דעם שלאָף, איז מען זיך צע־גױפּנעקומען צו דער מומע זלאַטן אַנצוקוקן דעם גאַסט.

ביי דער מומע זלאַטען איז פּלוצים געװאָרן טאָג אין מיטן נאַכט. מ'האָט געקאָכט טיי, אַרױסגענומען אַ סלאָי מיט פרישע מאַלינעס און דער עולם אַרום טיש האָט זיך געלאָבט און פּאַסמאַקעװעט מיטן זיסן טיי און די געשמאַקע מאַלינעס און דערביי שטאַרק הנאה געהאַט פון די חידושים פון װאַרשע, װאָס חיים װיינבערג האָט דערציילט צװישן איין זופּ טיי און דעם אַנדערן און צװישן איין לעק מאַלינעס און דעם אַנדערן.

װען די טיי איז שוין געװען אױסגעטרונקען און די מאַלינעס אױסגע־לעקט האָט די מומע זלאַטע זיך געבעטן ביי די שכנים:

— לאָזט אים זיך אױסרוען, איך בעט אייך, קומט אריין מאָרגן! און זיי איינציקװייז אַרױסבאַגלייט מיט: — אַ גוטע נאַכט!

װען די שכנים זיינען זיך שוין צעגאַנגען, האָט די מומע זלאַטע אױס־געבעטן פאַר חיימען די שלאָף־באַנק אין דעם עס־צימער מיט אַ סך קישנס און װייכע פּערינעס. חיים האָט אָבער נישט געקענט איינשלאָפן; ער האָט זיך געמאַטערט אױסצומאָלן אין זיין דמיון דעם אױסזען פון דעם שטע־טל, אין װעלכן ער געפינט זיך צום ערשטן מאָל און ער האָט עס צומאָלט נישט געזען. ער איז דאָך געקומען שפּעט ביינאַכט און עס איז געװען שטאָק־פינצטער, קיים געפונען דעם מאַרק און אַז ער האָט דערזען װי עס לייכט זיך פון אַ לאָדן־שפּאַרונג, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז עס, אָנ־געקלאַפּט אין לאָדן און געטראָפן...

איצט ליגט ער ביי דער מומע זלאַטע אין עס־צימער אױפן שלאָף־באַנק און חלומט מיט ברייט צעעפנטע אױגן װעגן דעם אױסזען פון דעם

שטעטל, די פעלדער ארום, דעם סאַסנאַוון וואלד און מיטאמאל האָט ער דערפילט ווי עס שניידן זיך אריין דורך די לאָדן־שפּאַרונעס שאַרפע ריחות, וואָס פאַרשיכורן און פאַרכישופן... ער האָט פריי אָפּגעאָטעמט, ער האָט דערפילט דעם ריח פון אקאציעס...

חיים האָט זיך דערמאָנט אָן דער חברטע בערטע פון די „צעירי ציון" אין ווארשע. אויף שבת פלעגט זי ארויספאָרן צו אירע קרובים קיין אָטוואָצק און פון דאָרט אים ברענגען א בוקעט פרישע, ווייסע אקאציעס. איצט וועט ער איר אָפּצאָלן מיט צוויי, דריי, פיר אָדער פינף בוקעטן און זאָל ער איר נישט בלייבן קיין בעל חוב...

אויף זיינע ליפּן האָט זיך צעלייגט א שמייכל פון צופרידנקייט און פון דער באַפליגלטער מחשבה — אָט ווערט ער פאַרטראָגן וויט, וויט... אָט הייבט ער זיך אויף און פליט אַוועק און שוועבט אין די וואָלקנס... ביסלעכווייז אָבער האָבן זיך זיינע ליפּן פאַרקרימט אין א גרימאַסע. ער האָט זיך דערמאָנט, אז ער איז געקומען אין א וויכטיקער שליחות, ער טראָגט דאָך א מיסיע פאַר דער יוגנט און די צייט איז א נעפּערלעכע... זיין שליחות שמעקט דאָך מיט קאָנספּיראַציע...

אין געראַנגל מיט חלומות געמישט מיט אקאַציע־ריחות איז דער סטודענט חיים וויינבערג פעסט איינגעשלאָפן און געזען אין חלום זיין חיים, חברים און — חברטע בערטע מיט א בוקעט ווייסע אקאַציעס...

אויף מאָרגן, ווען חיים האָט קוים צייט געהאַט זיך אויפצוהייבן פון געלעגער, זיך ארומצוּוואַשן און נאָך געהאַלטן ביי פרישטיק, האָט ער שוין געהאַט געסט. צוויי יונגעליים, ייִעלכע האָבן זיך פאַר אים פאַרגעשטעלט:

— קאַנאַפּיאַטי! — ברייך!

די מומע זלאַטע האָט פאַר זיי געמאַכט א וואַרע, האָט חיים פאַרשטאַנען, אז דאָס דאַרפן זיין נישט אבי ווער...

שפּעטער, ווען זיי זיינען שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען, האָט אים די מומע זלאַטע נעגעבן צו פאַרשטיין, אז דאָס זיינען די פיינסטע באַלעבאַטישע קינדער, די „פּער" פון שטעטל...

חיים האָט א לאַנגע צייט נאָכגעטראַכט, וואָס די חברים האָבן אים געזאָגט, אז די פּאָליציי איז דאָ זייער א שלעכטע, אַנטיסעמיטן, בלבים און זיי שפּירן נאָך ווי שפּיר־הינט יעדן פרעמדן און אייב ער איז נאָר א ייִד, איז ער א „באָלשעוויק"... דעריבער איז גלייבער פאַר אים, ער זאָל זיך ביי־

טאָג נישט ווייזן אין גאַס... קיין דערלויבעניש אויף קיין פאַרזאַמלונגען נימ מען נישט. א תירוץ: — „וואָינא" (מלחמה)!... נאָר מ'וועט זיך שוין אַן עצה געבן...

חיים איז מיטאַמאָל ווי געפּלעפט געוואָרן. הייסט עס ווידער גאָרנישט זען... געקומען אין דער פינצטער און פאַרן ליכטיקן שיין זיך נישט ווייזן... נישט זען דאָס שטעטל, די פעלדער, דעם וואַלד מיט די הויכע, נאָדלדיקע סאָסנעס, נישט זען קיין בעז, אקאַציעס... מיטאַמאָל האָט ער ווידער דער־פילט אין זיינע נאָזלעכער שאַרפע ריחות פון אקאַציעס, ווי זיי וואָלטן זיך וועלן רייצן מיט אים אין זיין באַטריבטן געמיט.

א גאַנצן פרימאָרגן האָט ביי דער מומע זלאַטע די טיר זיך נישט פאַר־מאַכט. געסט זיינען געקומען און אוועק; פריער נעענטערע שכנים, דערנאָך ווייטערע און דערנאָך סתם יידן פון שטעטל. מיטאַמאָל זיינען פאַר חיימס אויגן אויסגעוואַקסן צוויי דרייסטע מיידלעך, וועלכע האָבן מיט א פרישן שמייכל אויף די ליפּן זיך פאַרגעשטעלט:

— העלענע! — סאָפיע! און גלייך אָן צערעמאָניעס אים ארומגענומען און אים געשושקעט אין אויער אריין:

— קומט מיט אונדז נאָכמיטאָג שפּאַצירן, מיר וועלן ארויסגיין אויפן שאָסיי, אויף די פעלדער, אין וואַלד אין סאַד, וווּ עס בליען אזעלכע שיינע, ווי שניי ווייסע, אקאַציעס...

— אקאַציעס!... חיים האָט זיך ווי פון שלאָף אויפגעכאַפּט. פון וואַנען האָבן זיי געוווּסט זיין חלום?

— יאָ, איך גיי! און מיטאַמאָל האָט ער דערזען, ווי די מומע זלאַטע קוקט אויף אים פון אַלקער־טיר מיט א זויערער מינע און איר פנים פאַר־קרימט זיך אין א מרה שחורהדיקער גרימאַסע.

ווען די מיידלעך זיינען אוועק, האָט די מומע זלאַטע ארויסגעפּראַלט איר איינגעהאַלטענעם כעס אין זייער קעגנוואָרט.

— חיימקע, זאָלסט מיט זיי נישט גיין, איך וועל נישט לאָזן!

— פאַרוואָס, מומע?

— חיים, איך היים דיר נישט גיין!

— אָבער פאַרוואָס?

— האָסט פאַרגעסן וואָס קאַנאַפּיאַטי האָט דיר פאַרזאָגט? האָט איב די מומע אריינגעסודעט אין אויער אריין און זיך ארומגעקוקט.

חיים האָט געשוויגן.

די מומע זלאַטע האָט זיך אָוועקגעזעצט אַנטקעגן אים, ווי זי וואָלט זיך געמיט לייענען זיינע פאַרבאָרגענע מחשבות און ווען זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט, האָט די מומע זלאַטע אַרויסגעפּראַלט מיט כּעס:

— חיימקע, איך וועל דיר נישט לאָזן גיין מיט זיי; זיי האָבן אַ שלעכ־טן שם...

— איך האָב דאָך אָבער צוגעזאָגט, מומע!

— איך וועל דיר פאַרענטפערן, כ'וועל זאָגן, אַז דער קאָפּ טוט דיר וויי.

— טו דאָס נישט, מומע!

— אַ בחור דאַרף האַלטן שטאַט און נישט גיין מיט אַבי וועמען! האָט זיך שוין די מומע געקאָכט און אַרויסגעפּראַלט: — זעט נאָר, אַבי ווער קען אים איבעררעדן!...

די מומע זלאַטע האָט זיך געקאָכט און געכּעסנט און חיים איז געזעסן און געשוויגן מיט פאַרביסענע ליפּן.

דעם מיטאָג וואָס איז באַשטאַנען פון הייסע קאַרטאָפל מיט אַ רויטן באָרשטש און אַ שטיקל עוף, האָט חיים קוים פאַרזוכט, זיינע רעיונות זיינען געווען אין פעלד, אין וואַלד, ביי די ווייסע אַקאַציעס...

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. חיים איז האַסטיק אויפגעשפּרונגען פון אָרט און אַרויס פון צימער.

די זון האָט זיך שקאַרלאַט־רויט אַראָפּגעלאָזט אויף די שפּיצן פון די סאָסנע־ביימער און אַרומגענומען דאָס שטעטל אין אַ פלאַם.

די מיידלעך, פאַררויטלטע, צעהיצטע האָבן זיך צו אים געטוליעט און אים געהאַלטן פוןביידע זייטן און אַ קלעם, ווי אַ געפאַנגענעם...

חיים האָט זיך דערפילט, ווי ער וואָלט באַקומען פליגל און ער שוועבט אין די וואָלקנס...

אַרויס פון שטעטל, איבערן שאָסיי, פאַרביי די ווינט־מילן און אָט איז דאָס וועלדל שוין איינגעהילט אין אַ געהיימנישפולן וויאָלעט־קאָליר און אָט רייסן זיך ריחות פון וואַלד, פון פעלד און עם כּישופן שאַרפע, ווי שפּיזן, ריחות פון אַקאַציעס...

היימען האָבן די ריחות פאַרכּישופט און ער האָט אין אַלץ פאַרגעסן. ער האָט פאַרגעסן וואָס חבר קאַנאַפּיאַטי האָט אים פאַרזאָגט; ער האָט פאַר־

נעמן וועגן ציל פון זיין קומען אין דעם שטעטל; ער האט אין זיין שיכורות אפילו פארגעסן אנצורייסן א בוקעט אקאציעס פאר בערטען!...

צוריקגעקומען, ווען די נאכט האט שוין איינגעהילט דאס שטעטל אין שטאק־פינצטערניש און פון ערגעץ א ווינקל האט אן עלעקטריש לעמפל צו אים געווארפן א פארדעכטיקן שיין.

חיים איז אריינגעקומען אין צימער א פארשעמטער און ביים שוואכן שיין פון א נאפט־לעמפל דערזען דעם צעאקערטן און אנגעברוגזטן פנים פון דער מומע זלאטע און די פארזאגרטע פנימער פון די חברים קאנאפיאטי און בריל.

—חבר קאנאפיאטי... חבר בריל... האט חיים געשעפטשעט ווי א שול־דיקער. די מומע זלאטע האט דאן ארויסגעפראלט דעם גאנצן אנגעלאדע־נעם צארן, וועלכן זי האט שעהן לאנג איינגעהאלטן און אין זיך געדריקט.

— א בחור זאל נישט האבן קיין שטאט!... א בחור זאל מען אזוי לייכט קענען איבערערדן!... און ווער?... זיי?.. זיי!?...

חיים האט זיך שוין נישט געקענט באהערשן, אויפגעשטאנען און גע־כאפט די וואליזקע, וועלכע איז געשטאנען אין ווינקל נאך נישט קיין אויסגעפאקטע.

— איך בין שוין נישט קיין קינד פון דריי יאר!.. האט ער געצארנט,

— איך בין א דערוואקסענער מענטש און איך ווייס... פלוצים האט חבר קאנאפיאטי אים פארשטעלט דעם וועג מיט א סאמעטענעם שמייכל אויף די ליפן:

— די מומע האט געמיינט צו זאגן, אז דו ביסט א מזג טוב, א זיידענער יונגערמאטשיק!... קום מיט אונדז!...

אין עטלעכע מינוט ארום האט חיים זיך געפונען אין א שוואך־באַ־לויכטענעם בוידעם־צימערל, ארומגערינגלט פון פריידיקער און לוסטיקער יוגנט.

קיינמאל האט נאך דער סטודענט חיים וויינבערג נישט געערדט מיט אזוי פיל באגייסטערונג וועגן פרילינג, יוגנט, צוקונפט, פרייהייט, ווי דעם אוונט אין דעם בוידעם־שטיבל ביז —די טיר האט זיך האסטיק אויפגע־שראלט און בייזע פנימער פון מונדירטע מענטשן האבן אלעמען ארומגע־רינגלט.

אלע זיינען באפרייט געווארן, נאר די הויפט־אנפירער... חיים און די חברים קאנאפיאטי און בריל זיינען געבליבן געכאפט אין ארעסט־סעלער.

חבר קאנאפיאטי האט זיך געוויצלט: — פון בוידעם אין קעלער אריין!

מיט די ערשטע זון־שטראלן האבן זיך דורך די קעלער־פענצטער אריינגעריסן גליענדיקע יונגנט־בליקן און שארפע ריחות פון אקאציעס...

ווען די זון איז שוין געשטאנען אינמיטן הימל, איז דער סטודענט חיים וויינבערג ווי א „קייזער" באגלייט געווארן צו דער באן פון דעם גאנצן שטעטל. יוגנט האט פריידיק געלאכט און געיובלט. עלטערן האבן אויך נישט געקענט באהאלטן זייער צופרידענעם שמייכל.

ווען חיים וויינבערג איז שוין געשטאנען מיט איין פוס אויפן טרעפל פון באן־וואגאן, האבן זיך מיטאמאל דורכגעשפארט דורכן עולם צוויי דרייסטע מיידלעך מיט אקאציע־בוקעטן אין די הענט.

חיים האט זיי דערקענט. די זעלבע וועלכע האבן אים ערשט נעכטן אין אלץ נעמאכט פארגעסן...

די באן האט זיך האסטיק געגלימשט איבער די רעלסן, געשניטן פעלדער, וועלדער, דערפער מיט פויערשע שטרוי־באדעקטע כאטעס און אט — זעט זיך שוין ווארשע.

חיים האט צוגעדריקט צום הארצן די בוקעטן און טיף אריינגעאטעמט דעם ריח פון אקאציעס...

פון דעם זעלבן מחבר:

ביבלישע מאָטיוון. — (אַפּאָריזמען, עפּיגראַמען און פּאַראַפראַזן)

פּאַרצייטן. — (ביבלישע דערציילונגען און לעגענדעס)

באַגינען. — (ראָמאַן פון יידישן אימיגראַנטן־לעבן אין מעק סיקע).

פאַר אונדזערע קינדער.

יידיש לערנבוך פאַרן ערשטן שול־יאָר.